פערלאג „בילדונג‟, סטאניסלוי.

י רעגוליערונג פון דער יודישער מיגראציע און דער עמיגראציאנס־ קאנגרעס

פון

ב. באראכאוו.

300

דרוק פון ש. ל. דייטשער, פאדגורזע.

1910.

1. אין וואס בעשטעהט די עמיגראציאנס־רעגולירונג?

וואָס הייסט רעגולירען די עמיגראַציע? — אַלע אַנערקענען, אַז די עמיגראַציע איז „אַ סטיכיאישער פּראָצעס"; דיזער אויסדרוק האָט אָבער צוויי בעדייטונגען, וועלכע ערגענצען איינע די צווייטע. ערשטענס, הייסט דאָס אַז דער עמיגרירענדער עלעמענט שטעלט זיך ניט קיין ווייטען צוועק, וואָס זאָל בעהערשען זיין בעוואוסטזיין און זיינע בעוועגונגען. צווייטענס, אָבער, הייסט דאָס, אַז די עמיגראַציע פאָלגט ניט אין איהר גאַנג קיין שום פּלאַן אָדער סיסטעם אַז זי געהט כאַאָטיש, און פערשווענדעט דערביי אַ גוזמא מענשליכע קרעפטען, זי קאָסטעט פיעל איבריגע טרערען און בלוט. רעגולירען די עמיגראַציע הייסט אלזאָ — צוגעבען איהר דעם צוועק און דעם פּלאַן, וועלכע פעהלען איהר. מיט אַנדערע ווערטער בעדייטעט אויך די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע צוויי זאַכען, וועלכע ערגענצען איינע די צווייטע. ערשטענס ווען מען רעגולירט די עמיגראַציע, קאָן מען דערביי שטרעבען צו שטעלען פאַר איהר אַ געוויסען צוועק, אָבהענגען זי פון איהרע וועגען, אויף וועלכע זי נעהט ביז אַהער, און ריכטען זי אין נייע לענדער. דאָס הייסט אָבער ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פערוואַנדלען די עמיגראַציע אין קאָלאָניזאַציע, אויס־נוצען דעם פליסענדען מענשליכען מאַטעריאַל צוליעב קאָלאָניזירען נייע לענדער. צווייטענס, אָבער, קען עס הייסען, אַז מען שטעלט זיך ניט קיינע ווייטערע אויפגאַבען, ווי נור פערשפּאָרען יענע יסורים און אומגליקען, וועלכע די עמיגראַציע מאַכט אָן מחמת איהר כאַאָטישען כאַראַקטער.

וואס הייסט רעגו־לירען די יודישע עמיגראציע?

וואָס אַנבעלאַנגט אונז יודען, רעדט מען ביי אונז וועגען רעגולירונג די עמיגראַציע הויפּטזעכליך אין'ם צווייטען זין. עס איז טאַקי גאַנץ קלאָהר, אַז דערווייל קען מען ביי אונז נאָר ווענינ טראַכטען וועגען אַזאַ רעגו־לירונג פון דער עמיגראַציע, וועלכע זאָל בעשטעהען אין קאָלאָניזי־רען נייע לענדער. וויל מען רעגוליערען די וואַנדערונג, מיינט מען דערמיט בעהערשען דעם גאַנצען עמיגראַציאָנס־שטראָם, פערענטפערען אַ גרויס פאָלקס־פּראָבלעם, היילען טיעפע פאָלקס־וואונדען, ברענגען

הילף דער ברייטער וואנדערונגס־מאסע. קאלאניזירען די גאנצע עמיגרירענדע מאסע איז אבער בכלל אוממעגליך, איבערהויפט פאדערט עס אונגעהויערע קאפיטאלען און אויסגעצייכענטע מענשליכע קרעפטען וואס פעהלען אויך ביי אנדערע זעלבסטשטענדיגע מעכטיגע אומות און בפרט נאך ביי יודען. נאטירליך פאדערט יענער מין רעגוליערונג ווען מען זוכט נאר ברענגען אוממיטעלבארע הילף די עמיגראנטען, פיעל ווענינער קרעפטען, גייסטיגע און מאטעריעלע, איידער קאלאניזאציע וואָרום קאלאניזירען הייסט ביי אזא שטאדטישען פאלק ווי יודען, ניט נאר אבקערעווען די יודישע עמיגראנטען אין אנדערע לענדער, נאר אויך אבווענדען זיי צו גאר אנדערע נייע אונגעוועהנליכע בעשעפטיגונגען און פרנסות. קאלאניזירען הייסט נעבען די מעגליכקייט א גרויסען טייל פון דעם יודישען פאלק אריבערגעהן צו לאנדווירטשאפט און בעזעצען זיך געדיכט אויף א בעזונדערער טעריטאריע. ס'איז לייכט פערשטענדליך, אז אזא אויפגאבע ריכטיגער געזאגט אזא איבערקערעניש — אין די יסודות פונ'ם יודישען לעבען פאדערט א לאנגע צייט, גאנצע דורות מוזען ארבייטען אויף דעם, ביז די קאלאניזאציע זאל ברענגען צו א געוויסען תכלית. ס'איז אויך בכלל נאך א הארבע שאלה, צי קען מען בעוואוסטזיניג און פלאנמעסיג פיעלעס דערגרייכען אויף דעם קאלאניזאציאנס־געביעט, אין בפרט נאך ביי יודען. דאס איז אבער נאר א זייטיגע קשיא, אונז אינטערעסירט אצינד אנ'אנדער זייט פון דער פראגע, און דאס איז דער פאקט, אז ווען מען רעדט ביי אונז מכח רעגולירען די עמיגראציע, מיינט מען דערמיט קודם כל די ארגאניזירונג פון דירעקטער הילף פאר די עמיגרירענדע מאסע; וועגען קאלאניזאציע קען מען אויך דערביי טראכטען, לכל הפחות פאר א ווייטערע צוקונפט, בשום אופן ניט גלייך אנפאנגען פון קאלאניזאציע.

וואס גיעט די עמיגראציע דעם יודישען פאלק.

רעגולירענדיג די יודישע וואנדערונג אויף איהר יעצטיגע וועגען, וועלכע זי נעהמט פון זיך זעלבסט, טראגט מען אריין אויך געוויסע שנוים אין דעם עקאנאמישען מצב פון דער עמיגרירענדער מאסע, אבער אלענפאר נאר אזעלכע שנוים, וועלכע הענגען אב פון דער עמיגראציע זעלבסט און ניט פון אנדערע בעוואוסטזיניגע צוועקען. אליין די עמיגראציע שטעלט מיט זיך אויך פאר, ווען ניט א ראדיקאלע איבער־

קערעניש, איז דאָך אַ טיפּע, פֿערענדערונג אין די בעשעפֿטיגונגען און אין די פּרנסות פֿון די יודישע מאַסען; טיילווייז געהען זיי אַריבער אויף די נייע פּלעצער אין די העכערע פֿאָרמען פֿון די זעלביגע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, אין וועלכע זיי האָבען זיך בעשעפֿטיגט אויף די ערטער פֿון זייער פֿריהעריגער וואָהנונג, די קליינינקע דאַרינקע מלאכות פֿון רוסישען תחום המשב, פֿון גאַליציען און פֿון רומעניען ווערען אין אַמעריקאַ פֿערביטען אויף ריזיגע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען מיט הונדערטער און טויזענדער אַרבייטער, מיט די פֿאָלקאָמסטע טעכנישע פֿערבעסערונגען, וואָס זענען נאָר מעגליך אין די יודישע פֿאַכען, — אין שניידערייי, שוסטערייי און סטאָליער־פֿאַך, איז דער טאַבאַק אינדוסטריע. די עמיגראַציע גיבט אַלזאָ די מעגליכקייט אַ געוויסען, גאַנץ גרויסען טייל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג צו שטייגען אויף אַ העכערער מדרגה ניט פֿערענדערענדיג די עצם בעשעפֿטיגונגען איהרע, אַנ׳אַנדערען קלענערען טייל עפֿענט זי אויך דעם וועג צום איבערגאַנג אין די פֿעסטערע און אויסזיכטס־רייכערע צווייגען פֿון דער פּראָדוקציאָן: אַזוי צום ביישפּיעל בעקומען יודישע עמיגראַנטען געוויסערמאַסען אַ צוטריט צו לאַנדווירטשאַפֿט אין אַמעריקאַ, צו בערגבוי אין ענגלאַנד, א. דגל. און ווען אַפּילו די עמיגראַציע פֿערענדערט ניט די יסודות פֿון דער יודישער עקאָנאָמיק — דאָס רוב פֿערבלייבען דאָך אונזערע עמיגראַנטען ביי זייערע שטענדיגע פּרנסות ביי האַנדווערק און האַנדעל, — דאָך ווערט דורך די עמיגראַציע בעפֿריעדיגט אַ וויכטיגער טייל פֿון דער יודישער נויט. מענשען, וואָס האָבען פֿערלוירען דעם באָדען אין די אַלטע לענדער, בעקומען אַ נייעם באָדען פֿאַר זיך און דאַדורך בעפֿרייט די עמיגראַציע יענע יודישע מאַסען וואָס בלייבען אויף די ערטער, פֿון איבעריגער קאָנקורענץ און איבעריגע דחקות.

אַלזאָ, איז די עמיגראַציע אַ מעכטיגער פֿאָרטשריטס-פֿאַקטאָר אין דעם יודישען לעבען, זי ווירקט ניט רעוואָלוציאָנערענד, זי שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר קיין מהפכה אין ווירטשאַפֿטליכער הינזיכט, אָבער אַ פּראָגרעס אַלענפֿאַלס. מיר האָבען דאָס רעכט ספק׳ן, צו וועלען די פֿערבעסערונגען, וועלכע די וואַנדערונג ברענגט מיט זיך, האָבען אַ גרויסע ממשות פֿאַר די ווייטערע צוקונפֿט. מיר מעגען מיינען, אַז די עמיגראַציע גיט ניט קיין צופֿריעדענשטעלענדע לעזונג, פֿאַר דעם יודישען ווירטשאַפֿטס־און אַרבייטס־פּראָבלעם; מיר קענען זיין איבער-

צייגט, אז דער באָדען, וועלכען די יודישע וואנדערער ערוועָרבען זיך זאָגען מיר, אין אמעריקא, איז ניט קיין פעסטער און סוף כל סוף וועלען אויך אונזערע אמעריקאנער ברידער מוזען אָנהויבען טראַכטען מכח נייע ערטער פאר זיך, ווייל זייערע אויסזיכטען אין אמעריקא וועלען אויסגעשעפּט ווערען. יעדענפאלס אָבער דערוויילע איז די עמיגראציע א וואָהלטהאַט פאר דעם יודישען פאָלק, די עמיגראציע לעזט אויס א געוויסען טייל יודישע מאַסען פון הונגער, דחקות און אימה, און עפּענט פאר זיי ברייטערע לעבענס-מעגליכקייטען עס איז זעהר וויכטיג צו האָבען אין זינען דעם דאָזיגען צווייענדיגען האראַקטער פון דער יודישער עמיגראציע — וואָס זי איז ערשטענס, ניט קיין ראַדיקאַלע, נאָר א פּאַליאַטיווע פערענטפערונג פון דער יודישער ארבייטס-פראַגע, און צווייטענס, וואָס זי שטעלט מיט זיך דאָך פאָר א געוויסען בעפרייענדען ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע.

צוויי עקסטרעמען אינים פערשטעהן די יודישע עמיגראציע דער אוטאפּיסטישער קיק אויף איהר.

אָט דיעער רעאַליסטישער קוק אויף דעם יודישען עמיגראַציאָנס-פּראָבלעם אונטערשיידעט אונז פון די צוויי ענטגעגענגעזעצטע אַנשויאונגען, וואָס הערשען ביי געוויסע שטרעמונגען אינ'ם יודענטום, פון דעם אוטאָפּיסטישען און פון דעם פילאַנטראָפּישען קוק אויף די וואַנדערונג. צו די אוטאָפּיסטען געהערען א גרויסער טייל טעריטאָריאַליסטען, און צווישען זיי קודם כל די ס. ס. פיעלע טעריטאָריאַליסטען מיינען, אז די עמיגראציע איז דער איינציגער ענטוויקלונגס-פאַקטאָר אין דעם יודישען לעבען, אז זי טראָגט אין זיך נופא די טעריטאָריאַליסטישע צוקונפט פון דעם יודישען פאָלק, און אז דורך דער עמיגראציע און נאָר דורך איהר ווערען געלעזט אַלע פראַגען, וואָס מאַטערן און פּייניגען אונזערע מאַסען. כל-זמן די טעריטאָריאַליסטען פערבלייבען ביי א זאָלכע בעהויפּטונגען בנוגע די ווייטע צוקונפט, קען מען זיי נאָך אין געוויסען אוטאָפּיזם ניט בעשולדיגען, אָבער ווען זיי טראָגען אריבער דעם זעלבינען קוק אויף די נעגענוואַרט, באַלד ווי זיי שטרעבען צו קאָנצענטרירען די גאַנצע פאָלקס-ענערגיע אויף די פראַגען פון עמיגראַציע, באַלד ווי זיי פרעדיגען דעם אינדיפערענטיזם צו אַלע לעבעדיגע אינטערעסען פון די לענדער, וואו יודען וואוינען, ווערד זייער אוטאָפּיזם איינזייטיג און בפירוש שעדליך. ביי אַזאַ מין טעריטאָריאַליסט

שטאַרבט אָב יעדעס געפֿיהל צו דעם וואָס קומט פֿאַר אין די לענדער וואו יודען לעבען, איהם אינטערעסירט נאָר די עמיגראַציע, ווייל זי, די עמיגראַציע, איז די איינציגע רעטערין פֿון פֿאָלק. זיי מאָלען זיך ניט אויס קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאָלקס-מאַסען, ווי נאָר אַזאַ, וואָס דיענט צוליעב דער עמיגראַציע, דער גאַנצער מח זייערער איז בעהערשט און דער האָריזאָנט פֿערדעקט דורך דאָס קאָלאָסאַלע וואַנדערונגס-פּראָבלעם. דערפֿון מוזען דירעקט ליידען אַלע אַנדערע פֿאָלקס-בעדערפֿנישען אין יודענטום, וועלכע ליגען אויסערהאַלב דעם קרייז פֿון עמיגראַציאָנס-פּראַצעסען, דערפֿון מוז ליידען אַליין די עמיגראַציע, ווייל מען בעהאַנדעלט זי איינזייטיג און מען לענט די אויפֿמערקזאַמקייט נאָר אויף יענער זייט איהרער, וועלכע טראָגט אין זיך די ראַדיקאַלערע פּערספּעקטיווען, עס מוז פֿערלאָזט ווערען דער גרויסער רוב פֿון די וואַנדערונגס-מעגליכקייטען, וואָס זאָגען ניט צו אַזוי גיך אַזאַ ראַדיקאַלע לעזונג. דער מחבר פֿון דיעזע ישורות איז אַליין אַ ציוניסט, אויך, הייסט דאָס, אַ טעריטאָריאַליסט, און בעטראַכט די עמיגראַציע אַלס די בעפֿרייאונגס-ברענגענדע קראַפֿט אין דער יודישער צוקונפֿט אָבער ניט די עמיגראַציע אין איהר גאַנצען. נאָר אַ געוויסען צווייג פֿון איהר, ניט דעם גאַנצען וואַנדערונגס-שטראָם, נאָר אַ געוויסע חוואַליע אין איהם, און דאָס אויך ניט סתם, נאָר ביי געוויסע בעדינגונגען, וועלכע ליגען אויסערהאַלב פֿונ'ם עמיגראַציאָנס-פּראָצעס. דער גרויסער קערפּער פֿון דער יודישער וואַנדערנדער מאַסע בלייבט דערווייל נאָך להלוטין אונבעריהרט פֿון דיעזער ציוניסטיש-קאָלאָניזאַטאָרישער פּערספּעקטיוו, ער וועט זיך נאָך לאַנג געהן מיט זיין וועג, ער פֿאָדערט אַ בעזונדערע אָרגאַניזירונג און קראַפֿט אַנשטרענגונג, כדי איהר צו רעגולירען און פּלאַנמעסיג אויסנוצען. דער מחבר געהערט צו יענער שטרעמונג אין דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג, וועלכע שטרעבט צו פֿערענטפֿערן אַלע נויטען פֿון דעם יודישען פֿאָלק, אָרגאַניזירען איהם אומעדום, וואו עס וואוינט, און פֿערפֿעסטיגען זיין פּאָזיציע אין אַלע געביעטען פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

דער פילאנטראפּי-שער קוק אויף די יודישע עמיגראציע.

ווי די ערשטע ריכטונג, די אוטאָפּיסטישע, איבערטרייבט שרעקליך די בעדייטונג פֿון דער עמיגראַציע פֿאַר דעם יודישען לעבען און איגנאָרירט דאָס אַלעס וואָס האָט ניט קיין שייכות צו איהר, אַזוי שטאַרק

איבערטרייבט אויך די צווייטע ריכטונג, וועלכע זעהט ניט אין דער עמיגראציע קיין שום פֿאקטאָר פֿון דער נאַציאָנאַלער צוקונפֿט, און סטאַרעט זיך צו פֿערקלענערען ווי ווייט מעגליך איהר ראָלע. די עמיגראַציע טענה׳ט מען, איז נאָר אַ קלייניגקייט. זי בעריהרט ניט דאָס פֿאָלק. נאָר איינצעלנע יחידים, און רעגולירען די עמיגראַציע הייסט ניט טהון אַ גרויסע פֿאָלקס-אַרבייט, פֿאָרבערייטען אַ ריכטיגערע צוקונפֿט פֿאַר דעם פֿאָלק, נאָר פֿערקעהרט, דאָס הייסט נאָר העלפֿען די איינצעלנע מענשען, עטוואָס לייכטער מאַכען זייער טרויעריגען שיקזאַל. שטעהענדיג אויף אַזאַ פֿילאַנטראָפּישען שטאַנדפּונקט, האָט מען פּשוט מורא צו רעדען וועגען וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיווען אין דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג מען ציטערט פֿאַר יעדער שפּור פֿון בעגייסטערונג און אידעאַליזם אין דער אַרבייט. אינטערעסאַנט איז אַנצוווייזען, אַז צו דיעזער פֿילאַנטראָפּישער ריכטונג געהערען ניט נאָר די מערב אייראָפּעאישע יודישע פֿילאַנטראָפּען. קאַפּיטאַליסטען, ניט נאָר די בורזשואַזיע פֿון מזרח נאָר אויך — איינינע בונדאָווצעס, איינינע פֿון יענע מענשען, וואָס האַלטען זיך פֿאַר די הייסעסטע פֿאָלקס-קעמפּפֿער. וועלכע געהערען צום בעסטען דעמאָקראַטישען יחוס. אַזוי זאָגט ה. וו. מ., אַז „די עמיגראַציע איז אַ פֿאָלקס-צרה" *) און דעריבער מוז מען דאָ איילען און העלפֿען.

די עמיגראַציע איז אַ פֿאָלקס-צרה... אַ מערב אייראָפּעאישער פֿילאַנטראָפּ האלט אויך אין איין קלאָגען זיך אַז די עמיגראַציע איז אַ צרה. די נפקא מינא פֿון גביר צום בונדיסטישען טאַלייראַן בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס פֿאַר דעם צווייטען איז דאס אַ פֿאָלקס-צרה, בעת פֿאַר דעם ערשטען איז דאָס גלאַט אַ צרה, פֿון וועלכער ער קען ניט פּטור ווערען. גלייך ווי דער בעל צדקה, אַזוי איז אויך דער בונדיסט אונפֿעהיג איינצוזעהען אין דער עמיגראַציע אַ וואָהלטהאַט, אַ רעטונג פֿאַר אַ גרויסען טייל פֿון יודישען פֿאָלק, גלייך מיט די נבירים ואדירים ציטערט ער ממש, מען זאָל חלילה ניט מאַכען קיין

*) „אָטקל ב." Nr. 4 ז. 8. דאסזעלבע, מיט די זעלביגע ווערטער, זאגט אויך ארויס ה. וו. מעדעם אין „יעוו. אָב." Nr. 8. — נאטירליך האלטען זיך ניט אלע גענאסען פון ה. וו. מעדעם פאר די זעלבע מיינונג: אזוי שטעהט ה. פּ. ליעבמאן („ציײטפראגען" Nr. 2) אויף אנאנדער שטאנדפונקט, וועלכער איז פיעל נעהענטער צום אונזערען.

צו גרויסען רעש אַרום דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע, מען זאָל ניט ענטדעקען אין איהר קיין ווייטגעהענדע אויסזיכטען פֿאַר'ן יודענטום. ער פֿערשטעהט ניט, אַז די עמיגראַציע איז אַ דירעקטער היפוך פֿון אַ צרה אַז זי איז אַ היילונג, אַ רפֿואה פֿאַר די פֿאָלקס-צרות זאָל זיין אַ סטיכישע רפֿואה, וועלכע קאָסט אָפֿטמאָל אויך צו טייער און פֿאָדערט אַמאָל מעהר אָפּפֿער איידער ווען זי וואָלט נעווען פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט און רעגולירט. ווען אַ פֿי־אַנטראָפּ, זאָל זיין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פֿילאַנטראָפּ, טרעט צו, צו דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע, וויל ער אויסגעפֿינען אַ רפֿואה געגען אַ חלאת, ווייל ער קוקט אויף די עמיגראַציע, ווי אויף אַ קרענק. ווען מיר טרעטען צו, צו דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע, ווילען מיר אויסנוצען וואָס בעסער, וואָס ברייטער די וואויל ברענגענדע ברכה, וואָס איז טיילווייז נעגעבען געוואָרען אין דער עמיגראַציע, מיר ווילען די רפֿואה קרעפֿטינער, ערפֿאָלגרייכער מאַכען. מיר ווילען ניט איבערטרייבען די היילענדע ווירקונג פֿון דער עמיגראַציע, ווי דאָס טהוען די אוטאָפּיסטען, מיר זענען אָבער ווייט פֿון לייקענען איהר אויסלייזענדע קראַפֿט.

וואָסזשע הייסט דאָס אַצינד רעגולירען די עמיגראַציע? פֿאַר דעם ראָמאַנטיקער הייסט דאָס מאַכען די עמיגראַציע פֿאַר אַ ווערקצייג צו בעפֿרייען דאָס גאַנצע פֿאָלק, בעהערשען זי כחומר ביד היוצר, קערעווען זי לויט זיין ווילען און לויט זיינע צוועקען, כדי צו קאָלאָניזירען די עמיגרירענדע מאַסען אויף אַ בעזונדערער טעריטאָריע. פֿאַר דעם פֿילאַנטראָפּישען בעל־צדקה הייסט דאָס, ווי ווייט מענליך צו היילען אַ פֿאָלקס-קראַנקהייט, און פֿאַר אונז הייסט דאָס אויסצוגעפֿינען און אויסנוצען די יעניגע היילענדע קרעפֿטען פֿון דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם, דורך וועלכע ער וועט אָנווערען זיין האַאָטישען כאַראַקטער און אַרויסווייזען פֿאַר דעם פֿאָלק די גאַנצע וואויל־טראָגענדע אויס־זיכטען, וועלכע ער ברענגט אויך אַליין פֿון זיך, אויך אַצינד, אָהן אונזער הילף. מיר ווילען בעוואוסטזיניג מאַכען די עמיגראַציאָנס-חוואַליעס, מיר ווילען זיי בעפֿרייען פֿון די שטערונגען, וואָס שטעהען איהר אויפֿ'ן וועג. פֿון דער אַנדערער זייט, שטרעבען מיר אויך צו בעשרענקען די עמיגראַציע אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל זי שטאַמט פֿון אַזוינע אונגאָרמאַלע בעדינגונגען, וועלכע וואָלטען קענען אָבגעשאַפֿען ווערען דורך אַ נעוויסע אַנשטרענגונג און דורך אַ רעגעלמעסיגער ווירקונג.

אינדירעקטע רעגוליערונג פון דער יודישער עמיגראציע.

יענֶע הינדערניסֶע און שטערונגען, וועלכֶע די עמי־גראַציע בעגעגענט אויף איהר וועג, שטאַמען פון צווייא מינים סבות: פון איין זייט זענען דאָס אומשטענדען, וואָס קענען בשום אופן ניט בעאיינפלוסט ווערען דורך וועלכֶע ניט איז עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק, און צווייטענס, אַזוינע וואָס וואָלטען קענען דורך איהר יאָ אָבגעשאַפט אָדער אָבגעשוואַכט ווערען. צו די ערשטע געהערט קודם כל די פּאָליטישע לאַגע אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, און ספּעציעל דאָס פּאַספּאָרטען סיסטעם; ווען דיעזעס סיסטעם וואָלט אָבגעשאַפט ווערען, וואָלטען די עמיגראַנטען פּטור געוואָרען פון אַ גאַנצער רייהע יסורים, זיי וואָלטען קענען פריי פאָהרען און וואָלטען יוענינגער ברויכען אויסגעריסען צו ווערען ביים „גנב'ענען די גרעניץ“ פון די הענד פון שווינדלערישע „שוואַרצערס“ און פון די גרעניץ־בעאַמטען. דאָס פּאַספּאָרט־סיסטעם צאַפּט אויס אַ היבש ביסעל געלד און בלוט ביי אונזערע וואַנדערנדע מאַסען. ווייטער געהערט אַהער צו די אימיגראַציאָנס־געזעצגעבונג פון די איינוואַנדערונגס לענדער. אויך אַ סדרה הינדערניסען, וואָס קען ניט בעזייטיגט ווערען דורך קיין שום עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק, ווערט בעשאַפען דורך די אַלגעמיינע אונוויסענהייט פון דעם פאָלק, און דאָס וואָלט געקענט בעזייטיגט ווערען נאָר דורך די געזעצגעבערישע פער־שפּרייטונג פון אַלגעמיינער אונבעצאָהלטער פאָלקס־בילדונג. אין די איינוואַנדערונגס־לענדער שטויסען זיך די עמיגראַנטען אָפט אָן אויף פיינדליכע בעציהונג מצד די אָרטיגע אַרבייטער, וואָס באָיקאָטירען די אויסלענדער און ווילען זיי ניט צולאָזען צו די אָרטיגע אַרבייטער פעראיינען. אין דעם זענען פיעל שולדיג יענע בעדינגונגען, וועלכֶע צווינגען דעם איינוואַנדערער צו ווערען אינ'ם נייען לאַנד אַ לוין־דריקער און שטרייק־ברעכער; נאָך מעהר איז אָבער דערין שולדיג די קאָנקורענץ וועלכֶע הערשט אין אַלגעמיין צווישען אַרבייטער פון איין און דעם זעלבען פאַך; דאַן העכערען די עמיגראַנטען דעם פּרייז פון די דירות דורך דעם, וואָס זיי בעזעצען זיך אין געדיכטע מאַסען אין איינע און דיעזעלבע שטעדט און קוואַרטאַלען. אויף וויפיעל אָט די אַלע אומשטענדען שטאַמען פון די אינעַרליכע בעדינגונגען פון דער יודישער וואַנדערונג, קען זיך אַ פערנינפטיגע עמיגראַציאָנס־פּאָליטיק בעמיהען זיי אויסצובעסערען; אָבער אַ חוץ דעם זענען דאָ נאָך שולדיג אויך די איינגעבוירענע ניט יודישע אַרבייטער, דער מאַנגעל ביי זיי

פון קלאַסען בעוואוסטזיין און טאָלידאַריטעטס-געפיהל, און דאָ קען אַלזאָ די עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק, אַלס אַזעלכע גאָרנישט אויפטהון אין אָט די אַלע הינזיכטען קען עטוואָס דערגרייכט ווערען אָדער דורך די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט אָדער דורך די ענטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען בעוואוסטזיין אָדער עס קען בכלל דורך קיינע מיטלען גאָר ניִשט דערגרייכט ווערען כל זמן עס עקזיסטירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. און דאָס הייסט, אַז ווער עס וויל ווירקליך רעגוליערען די עמיגראַציע, מוז אויך שטרעבען צו דעם, אַז די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט זאָל גע-לענט ווערען אויף די אַלגעמיינע פּאָליטישע טעטיגקייט. קעמפּפענדיג פאַר די דעמאָקראַטישע רעכטס-פאָרמען. אַרבייטענדיג אויף דער ער-ציהונג פון דעם קלאַסען בעוואוסטזיין ביי די אַרבייטער, דערגרייכט מען אגב אויך א סך אַזוינע ערפאָלגען, וועלכע פיהרען צו דער אינדירעקטער רעגוליערונג פון דער עמיגראַציע.

אינדירעקט ווערט די עמיגראַציע רעגולירט דורך דעם וואָס דער פּאָליטישער פּראָגרעס פון די אויסוואַנדערונגס-לענדער שוואַכט אָב יענע פאַקטאָרען (רעכטלאָזיגקייט, פּאָגראָמען א. דגל.), וועלכע רופען אַרוים ביי יודען שוין א צו גרויסען עמיגראַציאָנס בעדערפניש; ווייטער שאַפט ער אָב אייניגע מכשלים, וואָס שטערען דעם פרייען גאַנג פון דער עמיגראַציע, און דריטענס דער וואוקס פון דעם קלאַסען-סאָלי-דאַריטעט ביי די ניט יודישע אַרבייטער ווירקט שוין פיעל שוואַכער פיעל ווענינער בעדייטענד. אָבער אויך אין דעם זעלבער ריכטונג, בעזייטענדיג אַ קליינעם טייל שוויריגקייטען, וועלכע שטערען די יודישע עמיגראַנטען אין די איינוואַנדערונגס-לענדער. מיר אונטערשטרייכען אָט דיזע אינדירעקטע רעגוליערונג כדי פון דאָס ניי צו בעטאָנען, אַז די עמיגראַציאָנס-פראַגע טאָר ניט פאַרנעהמען די פולע אויפמערק-זאַמקייט און די גאַנצע ענערגיע פון פאָלק, אַז אַפילו פאַר דער עמיגראַציע אַליין וועט זיין געזונטער, ווען מען וועט אין אַכט נעהמען אויך אַלע אַנדערע בעדערפנישען פון דעם גלות-יודענטום און ניט בעשרענקען זיך בלויז מיט איהר.

די בירגערליכע און נאַציאָנאַלע עמאַנציפּאַציע פון'ם יודישען פאָלק איז אַ נויטיגער תנאי פאַר דער ראַציאָנאַלער לעזונג פון דעם עמיגראַציאָנס-פּראָבלעם.

דירעקטע עמיגראציאנס-רעגולירונג.

א פיעלבריטערן פעלד פון קאנקרעטע אויפגאבען, וואס האבען חוץ דעם א גלייכען שייכות צו דער עמיגרירענדער מאסע, שטעלט מיט זיך פאר די דירעקטע רעגולירונג פון דער עמיגראציע. בשעת די אינדירעקטע רעגולירונג קען טיילווייז אויך אונמיטעלבאר היילען יענע וואונדען, וועלכע רופען ארויס די עמיגראציע, קען, הייסט דאס, פערביינטען מיט זיך די עמיגראציע און זי דורך דעם אויך קלענער מאכען, קען די דירעקטע רעגולירונג ניט אבשוואכען די עמיגראציע, ווייל זי היילט בשום אופן ניט יענע אנאמאליען, וואס רופען ארויס די עמיגראציע, און פאר וועלכע די עמיגראציע ניט די רפואה. די דירעקטע רעגולירונג שטרעבט איינפאך צו בעזייטיגען יענע הינדערנישען, וועלכע שטעהען אויף'ן וועג פון די עמיגראנטען, און אויב זי וואלט ערדייכען איהר צוועק, אויב זי וואלט דיזע שטערונגען אבשאפען, האלטען מיר מעגען לאגיש (א פריארי) ערווארטען, אז די עמיגראציע זאל זיך ערשט פערגרעסערן, ווייל אונז וואלט לייכטער ווערען צו עמיגרירען, עס וואלט געווען בילינער און בעקוועמער צו פערלאזען די אלטע היים, און זיכערע, וואלט ווערען די צוקונפט אין די נייע היימען.

און וואס בעשטעהט קאנקרעט אזא דירעקטע עמיגראציאנס-רעגולירונג? אום צו פערענטפערן דיזע שאלה, מוזען מיר זיך קלאר מאכען, וואס שטערט דעם עמיגראנט אין זיין רייזע, ווי אויך איידער דער רייזע און נאך איהר, ווען ער קומט שוין אויף די ערטער, פון וואנען שטאמט זיין שוואכקייט, צוליעב וועלכער ער קען ניט בייקומען די פערשידענע מכשלים אויף זיין וועג. שיואך איז דער עמיגראנט אין פיעלע הינזיכטען, וועלכע מען קען פערטיילען אין דריי הויפט-גרופען: עס פעהלען איהם ידיעות מכח די ארבייטס- און לעבענס-בעדינגונגען אין די נייע לענדער, ער קען ניט די שפראך, די געזעצען, די געזעלשאפטליכע פערהעלטנישען ניט אין יענע לענדער, וואוהין ער פאהרט, ניט אין יענע, דורך וועלכע איהם קומט אוים צו איבערפאהרען; צווייטענס פעהלט איהם איינפלוס, יענע פאליטישע אדער עקאנאמישע מאכט, וועלכע וואלט צווינגען די ארומיגע וועלט צו רעכענען זיך מיט איהם און בעהאנדלען איהם, ווי א מענשען צו אלעמען גלייך; דריטענס, איז ער ארים, עס פעהלען איהם מזומנים, געלד-מיטלען, וועלכע וואלטען דאך קענען פיעל אויסהעלפען איהם ניט קוקענדיג אויף זיין אונוויסענהייט און אהנמאכט. און דאס

אַלעס שטאַמט דערפון, וואָס דער עמיגראַנט איז על פי דרך הטבע איינזאַם, פעראיינצעלט, מוז אָנקומען צו זיינע איינענע שוואַכע קרעפטען און מיטלען, וואָס די עמיגראַנטען-מאַסע שטעלט מיט זיך פאָר און קען נור פאָרשטעלען אַ דעזאָרגאַניזירטע טשערעדע, וואו יעדער איינצעלנער מוז זאָרגען וועגען זיך און ציטערן פאַר זיך. אויסהעלפען די עמיגראַנטען אין אָט די אַלע הינזיכטען, געבען זיי די פעהלענדע קענטנישען, איינפלוס און נעלד — צו דעם איז נויטיג אַ געזעלשאַפטליכע א ר ג א נ י ז א צ י ע, זאָל זיין די מלוכה אָדער אַ פריַיע פריוואַטע איינריכטונג, אָבער נור אַנ׳אָרגאַניזאַציע, און בשום אופן ניט יחידים, קען ברענגען די עמיגראַנטען די נויטיגע הילף. איינצעלנע פערזאָנען קענען העכסטענס נעהמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפען אַזוינע אָרגאַניזאַציעס.

די ערשטע אויפגאַבע פון דער דירעקטער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג איז — געבען דעם עמיגראַנט די פעהלענדע י ד י ע ו ת. עס מוזען נעגרינדעט ווערען אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ׳ס צו געבען דעם עמיגראַנט נאָך איידער ער פאָהרט אַוועק, נענויע און זיכערע אויסקונפט וועגען די אַרבייטס- און לעבענס-בעדינגונגען אין יענע לענדער, וואוהין ער וויל פאָהרען, און אין יענע פּראָדוקציאָנס-צווייגען, אין וועלכע ער וויל אַריינטרעטען. דער עמיגראַנט מוז בעקומען די מעגליכקייט זיך פריי און בעוואוסטזיניג אויסקלויבען דאָס לאַנד, די שטאָדט אָדער די בעשעפטיגונג, זיך אָבגעבענדיג אַ קלאָרען דין וחשבון אין דעם, וואָס איהם פּאַסט אַם בעסטען. ווייטער, מוזען די אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ׳ס נעוואָהר מאַכען דעם אויסוואַנדערער מכח די ביליגסטע מאַרשרוטען, מכח די הוצאות הדרך, די ביליגסטע אָדער בעקוועמסטע שיפען און אייזענבאַהנען, אכסניות א. ד. גל., מכח די קאָנטראָל-סטאַנציעס, די מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין די קאָנטאָרען, האַפענס און אין די איינוואַנדערונגס-שטעדט, מכּח די רעכטען און פּפליכטען, וואָס די געזעצען געבען און לעגען אַרויף אויף די וואַנדערער אין פערשידענע לענדער. אָט די ביוראָ׳ס מוזען געבען זייערע אויסקינפטען גאַנץ אומזיסט אָדער פאַר אַ קליינעם נעצאָהלטס, זיי מוזען אָבער נענוג רייך זיין כדי אויסצוהאַלטען אין די ביוראָ׳ס בעצאָהלטע סעקרעטערען, וועלכע דאַרפען זיין נעניעט אין דעם פאַך און אָבגעבען דער רעגולירונגס-אַרבייט די גאַנצע צייט און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אויסער די אונמיטעלבאַרע או סקינפטען אין די אינפאָרמאַציאָנס-

ביורא'ס מוזען די רעגולירונגס-ארגאניזאציעס ארויסגעבען א פעריאָדי-שע אינפאָרמאציאָנס-ליטעראטור, רעגיסטרירען די עמיגראציע, פיהרען און פערעפענטליכען א גענויע עמיגראציאָנס-סטאטיסטיק. אזוינע אנ-שטאלטען מוזען אויך געגרינדעט ווערען אין די טראנס-מיגראציאָנס-לענדער, איבער וועלכע די עמיגראנטען פאָהרען דורך, און נאך מעהר אין די איינוואנדערונגס-לענדער, ווייל נור דאָ, אויף'ן אָרט, קען מען אם בעסטען וויסען די ארבייטס-פערהעלטניסען פון יעדען מאָמענט, כדי דער עמיגראנט זאָל גלייך נאך זיין אנקומען קענען געוואָהר ווערען, וואו און אויף וועלכע בעדינגונגען ער קען קריגען ארבייט. די עמי-גראציאָנס-ארגאניזאציע מוז גרינדען אומזיסטע און גוטע שפראך-קור-סען נאך די בעסטע פעדאגאגישע מעטאָדען, הי אין די גרעסערע שטעדט פון די אויס- און איינוואנדערונגס-לענדער, אזוי אויך אויף די שיפען, וואו דער עמיגראנט, נאך דעם, ווי ער איז אָבגעקומען זיין ים-קראנקהייט, האָט א ביסעל פרייע צייט בשעת דער רייזע מיט דיזע קורסען דארפען אויך פערבונדען זיין לעקציעס איבער די לע-בענס-בעדינגונגען פון די נייע לענדער. אויך איז אפשר מעגליך, אז אין די עקזיסטירענדע און ניי-געגרינדעטע פראָפעסיאָנעלע שולען זאָל דער למוד זיין צוגעפאסט אויך געוויסערמאסען צו די עמיגראציאָנס-בעדערפנישען, אבער דאָס איז שוין אפילו טעכניש א גאנץ שווערע זאך.

די צווייטע אויפגאבע איז — געבען די עמיגראנטען יענעם פאָ-ליטישען אוןווירטשאפטליכען איינפלוס, וועלכען זיי בעזיצען אליין ניט. קודם כל מוז דאָ די עמיגראציאָנס-ארגאניזאציע בעזאָרגען, אז די עמיגראנטען זאָלען קענען לייכטער און ביליג בעקומען די אויס-לענדישע פעסער, אז די פרויען און קינדער פון די אוועקפאָהרענדע זאָלען ניט דארפען אויסגעריסען ווערען צוליעב א פאס, עמיגראנטען, וואָס דארפען שטעהן צום פריזיוו, זאָלען בעפרייט ווערען פון מילי-טער-דיענסט (אָדער פון דעם 300-רובל-שטראָף, ווי יודישע זיהן אין רוסלאנד), — און פון דער צווייטער זייט זאָלען די איינוואנדערער זיך לייכטער קענען נאטוראליזירען, ד. ה. בעקומען דאָס בירגער-רעכט אין זייער נייער היים. אויף'ן וועג פון דעם עמיגראנט מוזען די רעגו-לירונגס-אנשטאלטען זאָרגען צו בעשיצען איהם געגען די אלער-מעג-ליכע שווינדלען און אונרעכטען, וואָס ער לייערט מצד די שיפס-גע-זעלשאפטען און מצד זייערע אגענטען. וועלכע בענעהן זיך מיט די עמיגראנטען אויף דעם שענדליכסטען אופן. דער עמיגראנט זאָל ניט

אויסגעמוטשעט, ניט ערנידעריגט ווערען אין זיינע מענשליכע געפיה־לען, ווייטער זאָל ער בכלל ניט מוזען אָנקומען צו יענע חברה-לייט, וואָס צאַפּען ביי איהם אַרויס דאָס ביסעל געלד און אָפטמאָל אויך דאָס ביסעל בלוט, וואָס ער בעזיצט. דערגלייכען מוז מען זיך דער-שלאָגען מענשליכע און געזעצליכע בעהאַנדלונג פון די עמיגראַנטען דורך די פערשיעדענע בעאַמטע אין וועג, אויפ'ן אייזענבאַהן און אין די שרעקליכע (פרייסישע) קאָנטראָל-סטאַנציעס, אין די קאַנטאָרען ביי דער מעדיצינישער אונטערזוכונג, פון די מאַטראָסען אויף'ן שיף, פון די איינוואַנדערונגס-בעאַמטע אין די האַפּענס פון די נייע לענדער. מיט אַנדערע ווערטער, עס מוז אָרגאַניזירט ווערען בריימע יורידישע הילף פאַר די עמיגראַנטען, ווי נאָך איידער זייער אָבפאָהרען, אַזוי אויך אין וועג און נאָך דעם אָנקומען אין דעם נייעם אָרט. עס מוז איינגעאָרד-נעט ווערען אויך ערנסטע מעדיצינישע הילף די עמיגראַנטען, בעזונ-דערס געגען די ים-קראַנקהייט אויף די שיפען, מען דאַרף איינאָרדנען גרינדליכע סאַניטאַרע אויפזיכט, כדי די וואַנדערער זאָלען פערברענגען דעם וועג אין געזונדע בעדינגונגען אויף די שיפען, זיי זאָלען קריגען געזונדע שפייז אויף די וואָקזאַלען פון די אייזענבאַהנען און אויף די שיפען (פאַר פרומע יודען ספּעציעל – כשר עסען), זיי זאָלען ניט דאַרפען שלאָפען, ווי די היהנער, אין שמוציגע דושנע אכסניות און קאַיוטען. מען דאַרף פּועל'ן, אַז די דאָקטוירים, וואָס דיענען ביי די שיפס-געזעלשאַפטען און אונטערזוכען די עמיגראַנטען, זאָלען זיי דערביי בעהאַנדלען היגיעניש, זאָלען צום ביישפּיעל, מיט דיזעלבע פינגער, וואָס האָבען זיך אָט ערשט געפּאָרעט אין קראַנקע, טראַכאָמאַטישע אויגען, ניט קריכען אומגעוואַשענערהייט צו די געזונדע אויגען פון אַנ־דערע פּאַסאַזשירען. און ווען דער עמיגראַנט קומט שוין אָן אויפ'ן אָרט, האָבענדיג דורכגעגאַנגען די שבע מדורי גהינום פון דעם וועג און פון דער איינוואַנדערונגס-אונטערזוכונג, מוזען די רעגולירונגס-אַנשטאַל-טען אויסנוצען זייער איינפלוס, כדי אויסצומיידען די אַרבייטס-לאָזיג-קייט פון די עמיגראַנטען, זעהען, זיי זאָלען ניט פאַלען צו לאַסט אויף די אָרטיגע בעפעלקערונג אַלס בעטלער, און אויף די אָרטיגע אַרבייטערשאַפט אַלס לוין דריקער אָדער גאָר שטרייק-ברעכער. צוליעב דעם מוזען די רעגולירונגס-אַנשטאַלטען אין די איינוואַנדערונגס-לענ-דער בעזאָרגען די אַרבייטס-פערמיטלונג, ד. ה. העלפען די עמיגראַנטען צו געפינען אַרבייט אויף גוטע בעדינגונגען; אויך איז צו דעם צוועק

זעהר ווינשענסווערט. עס זאָלען נעגרינדעט ווערען איינוואנדערער-הייַזער, וואו דער אימיגראנט זאל קענען ביליג אָדער אין קרעדיט, אָדער נאָר אומזיסט פאַרברענגען די ערשטע צייַט, ביז ער אָרדנעט זיך איין אין דעם נייַעם לאנד; אויך האָט מען שוין געפּרובט מיט ערפאָלג (צ. ב. אין פּאַריז האָט דאָס איינגעאָרדנעט ראָטשילד פאַר די יודישע עמיגראנטען) צו בויען אַזוינע ווערקשטאטטען, וואו די עמיגראנטען זאָלען גלייַך בעקומען אַרבייט, ביז מען וועט פאַר זיי ניט אויסזוכען קיין אנדער שטעלע דורך דעם קענען די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציעס אפילו עטוואָס געווינען אין הכנסות, ווייַל די עמיגראַנטען בעצאָהלען מיט אַרבייט פאַר די דיענסטען מצד די אנשטאַלטען.

די דריטע אויפגאַבע איז — ברענגען דעם עמיגראנט דירעקטע געלד-הילף. נאַטירליך, ניט אויף יענעם שענדליכען אופן, ווי די יודישע „קאָמיטעטען" אין מערב-אייראָפּא זענען יוצא פאַר'ן עמיגראנט מיט א פּאָר גראָשען, וואָס מען גיט איהם, ער זאָל וואס גיכער אַוועקפאָהרען און פערשווינדען, נאָר אויף קאָמערציעלע יסודות, דאָס זאָל זייַן ווירקליכע און עהרליכע הילף. ה. בערטאָלדי האָט אין אַ גאַנצער סעריע אַרטיקלען זעהר שעהן און קלאָר בעוויזען, אַז אַזאַ מין הילף איז מעגליך דורכצופיהרען אין לעבען, אויב מען זאָל זיך נור נעהמען, ווי געהעריג, אויסצונוצען יענעם געלד-שטראָם, וועלכען עס שטעלט מיט זיך פאָר די עמיגראַציע. ה. בערטאָלדי ווייַזט נעמליך אויף, אַז דאָס זענען אייגענטליך, צוויי געלד-שטראָמען:*) ערשטענס, פיהרען עמיגראַנטען געלד מיט זיך, מיט דעם דאָזיגען געלד האַלטען זיי אויף די כל-ערלייַ אגענטען, די פערשידענע קאנטאָרען, די בעאמטע און די דאָקטוירים פון די שיפּס-געזעלשאַפטען, זיי צאָהלען אויס מיט דעם געלד די הוצאות הדרך און שיפּס-קאַרטען (אויב אפילו ניט אינגאַנצען, ווען די שיפּס-קאַרטען ווערען געקויפט אויף אויסצאָהלען ביסלעכווייַז), און דאך פערבלייבט ביי דער עמיגראַנטען-מאַסע נאָך עטוואָס מזומנים ביים אַרייַנפאָהרען אין דאָס נייַע לאנד; צווייטענס, שיקען די עמיגראַנטען, נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך שוין איינגעאָרדנעט אין לאַנד, היבשע סומען אהיים צו די קרובים, און ביי דעם אָט געלד רייַבען זיך ווידער פערשידענע אַגענטען און גלאַט זייַטיגע גוטע ברידער, וואָס איבערמיטלען דאָס געלד צו די אדרעסאַטען און

*) בערטאלדי. דעמאקראטישע עמיגראציאנס-פאליטיק, „דער פריינד" III Nr. 150, 1910.

לאָזען בײַ זיך אַ גרויסען טייל דערפֿון, אויסנוצענדיג די אונוויסענהייט און די אָהנמאַכט פֿון די עמיגראַנטען מיט זייערע משפחות. אָט דעם דאָפּעלטען רוח פֿון די עמיגראַנטען-געלדער וואָלט מען קענען בײַ א ראַציאָנאַלער, פֿערנינפֿטיגער פּאָליטיק ארויסרייסען פֿון די שווינדלע-רישע הענד, און אויף דעם באָדען אַוועקשטעלען א צוועקמעסיג סוחר'יש איינגעאָרדנעטען פֿינאַנץ-אינסטיטוט. דער דאָזיגער פֿינאַנץ-אינסטיטוט מוז ארומנעהמען פֿאָלגענדע פֿונקציעס: נעהמען אויף זיך די פֿערמיטלונג (קאָמיסיע) פֿון פֿערקויפֿען שיפֿס-קאַרטען, און בעגני-גענדיג זיך מיט א קלענערען רוח, ווי די פּריוואַטע קאָמיסיאָנס-קאַנטאָרען, עטוואָס ביליגער פֿערקויפֿען די שיפֿס-קאַרטען פֿאַר די עמיגראַנטען; דערשלאָגען זיך ראַבאַט (ערמעסיגונג) פֿון אייזענבאַהן-בילעטען פֿאַר אויס- און איינוואַנדערער; בעזאָרגען ביליגער, בעקוועהמער און זיכערער די ספּעדיציאָן פֿון באַגאַזש; גרינדען וועקסעל-שטיבלעך צו בייטען געלד פֿאַר די עמיגראַנטען לויט'ן ריכטיגען קורס, כדי זיי זאָלען ניט פֿערלירען דערבײַ. ווי זיי פֿערלירען לע"ע בײַם בייטען; געבען די עמי-גראַנטען קליינעם קרעדיט אויף די אָדער יענע צרכים; אסעקורירען (פֿערסטראַכירען) עמיגראַנטען געגען פֿערשיעדענע אומגליקען, וואָס ווערען בעדינגט דורך די עמיגראַציע (געגען שיפֿס-בּרוך, געגען בע'גנב'עט ווערען אין וועג א. ד. גל.), און הויפּטזעכליך געגען יענעם שרעק, פֿון וועלכען קיין וואַנדערער איז ניט פֿערוואָרענט—דאָס איז געגען די ניט אריינלאָזונג אין לאַנד. ווען יעדער עמיגראַנט זאָל זיך געגען דעם פֿערזיכערן נאָך פֿאַר'ן אָבפֿאָהרען, קען ער, אין פֿאַל אויב ער ווערט ניט אריינגעלאָזען און צוריקגעשיקט, בעקומען א געוויסע סומע פֿיר די צוריקרייזע, אָדער פֿיר די וויטערדיגע רייזע אין אַנ'אַנדער לאַנד אָדער צוליעב אומקעהרען די הוצאות, וואָס די וואַנדערונג האָט איהם אָנגעמאַכט. דאָס וואָלט אויסגעלייזט פֿיעלע הונדערטער עמיגראַנטען, וואָס ווערען יעדען יאָהר צוריקגעשיקט אַהיים, פֿון איבעריגע ליידען און דאגות. אויך דעם צווייטען געלד-שטראָם, וואָס פֿליעסט פֿון די עמיגראַנטען אַהיים צו די קרובים, קען דער פֿינאַנץ-אינסטיטוט רעגו-לירען דורך דעם, וואָס ער וועט אויף זיך נעהמען דאָס אריבערשיקען פֿון אָט דאָס געלד; דערבײַ וועט ער אויך בעקומען א געוויסען רוח, אַלענפֿאַלס א פֿיעל קלענערען פֿאַר יענעם, וועלכען עס ציהען דער-פֿון די פּריוואַטע באַנקען און בפרט נאָך די שווינדלערישע חברה-לייט.

II. דורך װעמען און װי אזוי קען די עמיגראציע רעגולירט װערען?

װער און דורך װעלכע מיטלען קען דורכפיהרען דיזעס פראגראם.

פון יענע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, װעלכע קענען זיך נעהמען דורכפיהרען אט דאס פראגראם אינגאנצען אדער טײלװײז, קומען אין בעטראכט פאלגענדע פיער: די מלוכה, די נאציאנאל-אויטאנאמע איינריכטונגען, די פראפע־סיאנעלע פעראײנען און סתם פרײע געזעלשאפטלי־כע ארגאניזאציעס (קאפיטאליסטישע, פילאנטראפישע און נאציאנאלע).

װאס קען און װעט דאמאכען די מלוכה

װאס אנבעלאנגט די מלוכה, קען זי דא אויפ־טהאן מעהר פון אלעמען, װײל זי בעזיצט אם מײסטען די נויטיגע קרעפטען (ידיעות, אײנפלוס און קאפיטאלען). די מלוכה קען גרינדען די בעסטע אינפא־מאציאנס-ביורא׳ס, איינריכטען א עמיגראנטען-אינספעקציע, װעלכע זאל בעזארגען די יורידישע און מעדיצינישע הילף פאר די עמיגראנטען, זי קען דורך א צװאנגס-שטײ־ער אויף יעדען עמיגראנט — שאפען א פינאנציעלען אינסטיטוט, און װען דערצו װאלטען נויטיג זײן אקציאנערע קאפיטאלען און גרויסע הלואות, קען אויך די מלוכה אם בעסטען זיכערן די קאפיטאלען מיט איהרע אבליגאציעס א. ד. גל. די מלוכה בעזיצט דעם נויטיגען אויטארישעט און צוטרוי בײ די פאלקס-מאסען, און װען זי זאל זײן גענוג דעמאקראטיש, קען מען בײ איהר פועל׳ן א גינסטיגע עמיגראנ־טען-געזעצגעבונג; אבשאפונג פון דעם פאספארטען-סיסטעם, פערשיע־דענע לגאטעס פאר אויסװאנדערער בײ די אײזענבאהנען, אזא עמי־גראנטען-אינספעקציע, װאס זאל זײן לחלוטין אונאבהענגיג פון די עקספלואטאטארישע שיפס-קאמפאניעס, כדי די אינספעקטארען זאלען האבען דעם גענוגענדען מוט און עהרליכקײט װירקליך צו פערטײדי־גען די אינטערעסען פון די װאנדערער. און הגם די געזעצען און צװאנגס-מיטלען פון דער מלוכה בעציהען זיך נור אויף דעם שטח פון איהר אײגענע טעריטאריע, דאך האט זי אויך דעם געהעריגען אײנ־פלוס צו שטעלען זיך אין אבליגאטארישע פעלקער-רעכטליכע פער־בינדונג מיט אנדערע מלוכות, אום אויפ׳ן גרונד פון אינטערשטאט־ליכע אבמאכען צו בעשיצען די עמיגראנטען אויך אין יענע לענדער, דורך װעלכע זײ קומט אויס צו פאהרען.

דאס אלעס איז די מלוכה פעהיג אויפצוטאן; צי װעט זי אבער

דאָס אויך טאָן, און ווען יאָ, אין וועלכען מאָס וועט זי עס טאָן, הענגט אָב פֿון פֿערשידענע בעדינגונגען, וואָס זענען ניט גלייך אין יעדען שטאַט אָדער צו יעדער צייט. בכלל, ווי דעמאָקראַטיש עס זאָל ניט זיין אַ קאַפּיטאַליסטישע אויסוואַנדערונגס-מלוכה, וועט זי דאָך תמיד מעהר פֿערהיטען די אינטערעסען פֿון די קאַפּיטאַליסטישע שיפֿס-קאָמפּאַניעס, איידער די אינטערעסען פֿון די אויסוואַנדערנדע מאַסען. אויף וויפֿיעל ביי געוויסע בעדינגונגען די אינטערעסען פֿון די שיפֿס-קאָמפּאַניעס פֿאָדערן אַליין די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, קענען זיי לייכט פּועל'ן, די רעגירונג זאָל בעווילינגען פֿאַר די עמיגראַנטען אַזוינע לגאָטעס, וועלכע זאָלען די עמיגראַנטען שטופּען צו בענוצען זיך מיט די היימישע שיפֿען, ניט אָנקומענדיג צו די אויסלענדישע האַפֿענס. אַזוי, שטרעבען, צום ביישפּיעל, איטאַליען און עסטרייך צו העכערן דעם מצב פֿון זייער איינענער דאמפּפֿשיף-פֿאַהרט דורך דעם, וואָס זיי געבען פֿערשידענע פּריווילעגיעס און שוץ פֿאַר יענע עמיגראַנטען, וועלכע פֿאָהרען דורך די היימישע האַפֿענס מיט היימישע שיפֿען. דייטשלאַנד דערגעהט אין דער הינזיכט אַזוי ווייט און אכזריות'דיג, אַז זי צווינגט פּאָליציייאיש יעדען וואַנדערער, וואָס פֿאָהרט איבער איהרע גרעניצען, צו וואַנדערן ניט אַנדערש, ווי דורך די דייטשע פּאָרטען. אויך רוסלאַנד פּרובט די לעצטע צייט צו רעגולירען די עמיגראַציע צו גונסטען פֿון די רוסלענדישע (הויפּטזעכליך ליבויער) שיפֿס-געזעלשאַפֿטען, און די פֿון מיניסטעריום צונויפֿגערופֿענע עמיגראַציאָנס בעראַטונג האָט אפילו אויסגעאַרבייט אַ געזעץ-פּראָיעקט, וועלכער וועט געבען עטליכע אונבעדייטענדע פֿערבעסערונגען פֿאַר יענע עמיגראַנטען, וואָס פֿאָהרען דורך רוסישע האַפֿענס; אָבער די רעגירונג וויל גאָר קנאַפּ זאָרגען פֿאַר יענע, וואָס פֿאָהרען דורך אויסלענדישע האַפֿענס. — די איינוואַנדערונגס-מלוכות האָבען ווידער טאַקי גאָר אַנדערע אינטערעסען, וואָס בעשטימען זייער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק, וועלכע בעשטעהט אַנ'אַנדערס מאָל אין דעם, דאָס די רעגירונג ניט פֿערשידענע לגאָטעס פֿאַר קאָלאָניסטען, אָבער פֿיעל אָפֿטער בעשטעהט זייער עמיגראַציאָנס פּאָליטיק אין אַרויסגעבען ווי ווייט מעגליך בעשרענקונגס-געזעצען געגען די איינוואַנדערונג. — עס איז בלי ספק, אַז די מאָדערנע מלוכות, וואָס מעהר זיי דעמאָקראַטיזירען זיך, מוזען אַלץ מעהר זיך אָבזאָגען פֿון דעם אַלטפֿרענקישען קוק אויף די עמיגראַציע, ווי אויף אַ פֿערברעך מצד דעם בירגער און אַ שאָדען

פֿאַר דער מלוכה, זיי ווערען דורך די ענטוויקלונג געצוואונגען ביסלעכווייז אָבצושאַפֿען יענע געזעצען, וועלכע האָבען זיך בעמיהט צו בעשרענקען די אויסוואַנדערונג*); אויף נאָך אַ ווייטערער דעמאָקראַטיזירונגס-מדרגה הויבט שוין אָן די רעגירונג פֿערשטעהן, אַז די עמיגראַציע איז אין געוויסע הינזיכטען ניט נור אַן אונפֿערמיידליכע צרה, נאָר אויך אַ וואויל-ברענגענדע ערשיינונג אינ׳ם פֿאָלקס-לעבען, וועלכע מען דאַרף וואָס פֿריער מאַכען, וואָס ברייטער אויסנוצען צוליעב דעם פֿאָלק. צו אַזאַ מין קוק האָט שוין דערגרייכט ענגלאַנד און געוויסערמאַסען איטאַליען, אין דיזע לענדער עקזיסטירט שוין אַ גאַנץ גוט איינגעאָרדנעטע עמיגראַנטען-אינפֿאָרמאַציע פֿון דער רעגירונג, אַ עמיגראַנטען-אינספּעקציע און אויך פֿינאַנציעלע אינסטיטוטען, וועלכע לייסטען פֿאַר די עמיגראַנטען פֿערשיעדענע קליינע דיענסטען. שטיצענדיג זיך אויף די דאָזיגע ביישפּיעלען, טענה׳ן איינינגע יודישע פּובּליציסטען, אַז אויך פֿיר אונזער עמיגראַציע מוזען מיר שטרעבען צו פֿעראינטערעסירען די מלוכה, און מיינען, אַז די איינציגע ווירקזאַמע פֿאָרם פֿון דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג איז די שטאַטליכע**). אָבער, ערשטענס, פֿערשטעהען זיי אַליין אויך, אַז פֿון דער יעצטיגער מלוכה-אָרדנונג אין רוסלאַנד, און אפילו אין עסטרייך, קען מען כמעט גאָר נישט ערוואַרטען. צווייטענס, מוזען אין דיזע צוויי לענדער די אינטערעסען פֿון מיליטער-דיענסט און אין רוסלאַנד פֿון דעם פּאַספּאָרט-סיסטעם און אַנדערע פּאָליציייאישע ריקזיכטען נאָך זעהר אַ לאַנגע צייט דיענען פֿאַר אַ ריעזיגע שטערונג אין יעדען פֿערזוך ערנסט צו רעגולירען די עמיגראַציע; ד. ה. אין דיזע לענדער וועלען פֿיעל ריקזיכטען, וועלכע האָבען קיין שום שייכות ניט מיט די בעדערפֿנישען פֿון די וואַנדערנדע מאַסען, נאָך זעהר לאַנג בעשטימען די פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג בנוגע צו דער עמיגראַציע. און ווען אפילו די מלוכה-אָרדנונג וועט זיך מיט דער צייט פֿערפֿאָלקאָמענען און וועט מעהר אַכטונג געבען אויף די לעבענס-נויטען פֿון די מאַסען בכלל און פֿון די עמיגראַנטען בפרט. וועט דאָך אויך דעמאָלט די רעגירונג מעהר בעזאָרגען די אינטערעסען פֿון די שיפֿס-קאָמפּאַניעס ווי פֿון די פֿאָלקס-

*) א מאל פלעגט מען אפילו שרעקליך בעשטראפען די אויסוואנדערער אדער זייערע פערבליבענע קרובים.

**) צו דעם קוק נייגען זיך ה׳ א. ליטוואק („צייט פראגען" Nr. 1) און ה׳ וו. מ. („אָטקל. ב." Nr. 4).

מאסען; א חוץ דעם וועט זי די יודישע אינטערעסען אויך אין דעם פרט, ווי אין אלע איבעריגע הינזיכטען, בעפריעדיגען פיעל שוואכער און מיט פיעל וועניגער חשק, איידער די אינטערעסען פון די עמיגראנטען פון אנדערע פעלקער.

וואס קענען אויפטאן די אויטאנאמע נאציאנאלע איינריכטונגען.

הגם בעדייטענד וועניגער, ווי דער שטאט, קענען דאך די אויטאנאמע נאציאנאלע איינריכטונגען פיעלעס אויפטאן אין דער הינזיכט פון רעגולירען די עמיגראציע. ניט בעזיצענדיג דעם איינפלוס פון א זעלבסטשטענדיגער מלוכה קענען זיי געוויס, ניט ארויסגעבען קיין געזעצען מכח דער עמיגראציע, קענען אויך ניט איינטרעטען אין אינטערשטאטליכע אבמאכען; אבער אלענפאלס וואלט זיי גרינג זיין צו שאפען א געהעריגע אינפארמאציע, מינדליכע און ליטערארישע, אוועקשטעלען אין די האפענס פון זייער מלוכה עמיגראציאנס-אינספעקטארען, גרינדען פינאנציעלע עמיגראציאנס-אינסטיטוטען, אזוי ווי צ. ב. די טשעכישע, נאציאנאלע באנק „באהעמיא" האט דא ניט לאנג געגרינדעט ביי זיך אן'אבטיילונג ספעציעל צו בעזארגען די פינאנציעלע נויטען פון די טשעכישע עמיגראנטען. אויך אין דער הינזיכט איז קלאר, אז יודען, כל זמן זיי בעזיצען ניט קיין נאציאנאלע אויטאנאמיע און קיין ארגאנען פון נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג, קענען דערווייל גאר נישט ערווארטען אין את דער ריכטונג. די קהלה אבער, וועלכע וועט מיט דער צייט בילדען דעם יסוד פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע, איז דערווייל נאך גאר ניט נאציאנאל, נאר כמעט אויסשליסליך רעליגיעז, אין געוויסע לענדער (ווי אין רוסלאנד) איז איהר יורידישע לאגע נאך גאר ניט בעשטימט, און דעריבער בעזיצט זי בכלל צו וועניג אויטאריטעט און קאפיטאלען צו רעגולירען די יודישע וואנדערונג. אונזערע קהילה-איינריכטונגען מוז מען ערשט ראדיקאל איבערבויען, זיי דעמאקראטיזירען, נאציאנאליזירען און סעקולאריזירען (פערוועלטליכען, עולמ'יש מאכען). פריהער איידער מען וועט זיי קענען אויסנוצען צוליעב דער עמיגראציאנס-רעגולירונג. דערווייל אבער קען מען פון זיי העכסטענס פאדערן, זיי זאלען עטוואס מעהר אכטונג געבען אויף די עמיגראציע און זאלען אנטייל נעהמען אין יענע פרייע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, וועלכע קענען צו דעם צוועק געבילדעט ווערען.

די עמיגראציאנס-רעגולירונג אין די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

ביי נארמאלע און פרייע ענטוויקלונגס-בעדינגונגען פון דער ארבייטער-בעוועגונג פארנעהמען זיך די פראפעסיאנעלע פעראיינען צווישען אנדערעס, אויך מיט רייזע אונטערשטיצונג פאר זייערע מיטגליעדער; אבער אזוי ווי דער ווירקונגס-קרייז פון דיזע פעראיינען נעהט ניט ארויס אויסערהאלב פון די מלוכה-גרעניצען, בעשרענקט זיך אזא מין אונטערשטיצונג נור מיט דער אינערליכער וואנדערונג פון די ארגאניזירטע ארבייטער, ד. ה. אינערהאלב דעם שטאט. דאך איז מעגליך אז ווען די יודישע ארבייטער-בעוועגונג וועט פון דאס ניי אנפאנגען וואקסען, זאלען זיך די יודישע פראפעסיאנעלע פעראיינען פון די אויסוואנדערונגס-לענדער (אדער די יודישע סעקציעס פון די א' געמיינע פראפעסיאנעלע פעראיינען) שטעלען אין פערבינדונג מיט די ענטשפרעכענדע פעראיינען פון די איינוואנדערונגס-לענדער. כדי צו אונטערשטיצען געמיינזאם יענע יודישע ארגאניזירטע ארבייטער, וואס פאהרען אוועק איבער'ן ים. ווייטער, עקזיסטירען אומעדום ביי נוט איינגעארדנעטע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס אינפארמאציאנס און פערמיטלונגס-ביורא'ס פאר די, וואס זוכען ארבייט, נאנץ גלייך, צי זענען די ארבייטס-זוכענדע ארגאניזירט, צי ניט. אט די דאזיגע ביורא'ס קענען זיך אויך שטעלען אין פערבינדונג מיט די פעראיינען פון מעבר לים, כדי אגב אויך צו אינפארמירען יענע ארבייטער, וואס ווילען עמיגרירען: ווען מען בעטראכט אט די דאזיגע רעגולירונגס-ארבייט פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען גאנץ אבסטראקט, קען זי זיך אויסווייזען גאנץ פשוט און גאנץ מעגליך. אבער קאנקרעט ענטשטעהען דא אפילו ביי די בעסטע פאליטישע בעדינגונגען גרויסע שווערינקייטען.

ערשטענס, איז זעהר שווער צו בעשטימען, פאר וועלכע פאליטיק זאלען זיך האלטען די ארבייטער-פעראיינען פון פערשידענע לענדער בנוגע צו דער עמיגראציע. בעת פאר די אויסוואנדערונגס-לענדער שטעלט מיט זיך פאר די עמיגראציע געוויס א ווינשענס-ווערטע ערשיינונג, אנ'ערלייכטערונג פאר דעם לעבען און קאמפף פון די ארבייטער, וואס בלייבען אין דער היים, — איז דאס פאר די איינוואנדערונגס-לענדער אין פיעלע הינזיכטען גאר אנדערש. א נאר נייעס לאנד, מיט א ווינציגער ארבייטערשאפט, נויטיגט זיך טאקי אין נייע ארבייטער, כדי צו ענטוויקלען די ארטיגע ווירטשאפט און כדי די

פֶערגרֶעסֶערוּנג פוּן דֶער צָאהל אַרבּײטֶער זאָל זײ געבּען מֶעהר כּח אין קאַמפּף געגען דעם קאַפּיטאַל; אָבּער אין אַ לאַנד מיט אַ שוין אויסגעוואַקסענער אינדוסטריע שטעלט מיט זיך פאָר יעדער נײַער אַרבּײטער נור אַ נײַע קאָנקורענץ-געפאַהר פאַר די אָרטיגע אַרבּײטער; און אויך די אָרטיגע אינדוסטריע לײדעט דאַן פון דעם, וואָס איהרע קלײנע קאָנקורענטען, די הויז-בּעל מלאכות האַלטען זיך אויף דער שרעקליכער עקספּלואַטאַציע פון די אָהנמעכטיגע נײ-אײנגעוואַנדערטע אַרבּײטער. די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען פון די אויסוואַנדערונגס-לענדער זענען פעראינטערעסירט אין ערלײכטערן די עמיגראַציע, בּשעת די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען פון די אײנוואַנדערונגס-לענדער נויטיגען זיך אָפטמאָל, פאַרקעהרט, און בּעשרענקען די אײנוואַנדערונג; דעראיבּער וועלען די אויבּענאָנגעוויזענע פערבּינדונגען צווישען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון פערשידענע לענדער זעהר זעלטען פיהרען צו אַ ווירקליכען אויסגלײך. פאַר דער גאַנצער אַרבּײטער-בּעוועגונג איז, נאַטירליך, זעהר וויכטיג, אַז די אָרגאַניזאַציעס פון פערשידענע לענדער זאָלען זיך צונויפרעדען און געהן אויף געגענזײטיגע פּשרות, אַזוי אַז די אויסוואַנדערונג זאָל אַפילו אין אַ געוויסען מאָס געהאַלטען ווערען אין ענגערע גרענצען, אָבּער דערפאַר זאָלען די אײנוואַנדערנדע אַרבּײטער געניסען דעם שוּץ און די הילף פון די אָרטיגע פעראײנען; עס איז וויכטיג, אַז דער אָנגעקומענער אַרבּײטער זאָל קענען אַרײַנטרעטען אין פעראײן און ניט בּרויכען צו ווערען אַ לוינדריקער אָדער אַ שטרײקבּרעכער. אָבּער דאָך קענען מיר וועניג וואָס ערוואַרטען פון אַזוינע אונטערהאַנדלונגען. דאָס ווערט בּעזונדערס בּעשײנפערלעך, ווען מיר קוקען זיך צו צו דעם גורל פון יענער רעזאָלוציע איבּער די עמיגראַציאָנס-פראַגע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין שטוטגאַרט. אין דער דיסקוסיע האָבּען די פערטרעטער פון די אויסוואַנדערונגס לענדער זעהר ענערגיש געפאָדערט די פאָלקאָמע פרײהײט פון אײנוואַנדערונג, און זײ זענען טאַקי געוועזען גערעכט, ווײל בּעשרענקונגען קענען די אימיגראַציע ווידערשפּרעכען די פּרינציפּען פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט; אָבּער די פערטרעטער פון די אײנוואַנדערונגס-לענדער, און בּעזונדערס פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, האָבּען געפאָדערט געוויסע בּעשרענקונגען געגען די אימיגראַציע, און זײ זענען אויך געוועזען גערעכט, ווײל דער אײנפוהר פון נײַע, רויהע,

אונוויסענדע אָדער אָהנמעכטיגע אַרבייטער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַנ'-אייביגע סכּנה פֿאַר די אָרטיגע, מיט אַזוי פֿיעל מיה אויפֿגעבויטע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס: און דאָס איז דאָך אויך שעדליך פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. די פֿערטרעטער פֿון די איינוואַנדערונגס-לענדער האָבען איה'ן קאָנגרעס געבילדעט אַ קליינע מינדערהייט און האָבען פֿיעל נאָכגעגעבען דער מעהרהייט, אָבער אין אַמעריקאַ אַליין האָט די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע קיין שום ערפֿאָלג ניט געהאַט, און די אַרבייטער פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען פֿערבלייבען, ווי פֿריהער, ביי זייערע פֿאָדערונגען צו בעשרענקען די איינוואַנדערונג.

צווייטענס, זענען די יודישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען וועניג פֿעהיג דערצו, אָנצופֿיהרען פֿערהאַנדלונגען מיט די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס פֿון מעבר לים און צו דערגרייכען ווירקזאַמע אָבמאַכען מיט זיי. די יודישע פֿעראיינען וועלען קיין מאָל ניט זיין זעלבסטשטענדיג, זיי וועלען אַריינגעהען, אַלס טייל, אין די אַלגעמיינע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פֿון רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניען, און אָהן דער הסכּמה פֿון אָט די נרעסערע אינטערנאַציאָנאַלע פֿעראיינען, פֿון זייערע צענ-טראַל-פֿערוואַלטונגען וועלען זיי ניט טאָרען זיך בעשעפֿטיגען מיט עמיגראַציאָנס-רעגולירונג. דאָ האַנדעלט זיך דאָך ניט וועגען קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿון די יודישע סעקציעס אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, דאָ איז די רעד מכּח אַ העכסט וויכטיגער און פֿעראַנט-וואָרטליכער פֿינאַנציעלער פֿונקציע, ווי די רייזע-אונטערשטיצונג און אַרבייטס-אינפֿאָרמאַציע פֿאַר אַרבייטער, וועלכע פֿאָהרען איבער'ן אָקעאַן; און דיזע פֿראַגע וועט בעגעגענען זעהר פֿיעלע שוועריגקייטען מצד די צענטראַלע פֿעראיינען, וועלכע וועלען קוים מסכּים זיין, אַז די יודישע אַרבייטער זאָלען געניסען אַזוינע גרויסע, טייער-קאָסטענדע פּריווילעגיעס אין פֿערגלייך מיט זייערע חברים פֿון אַנדערע נאַציעס, ביי וועלכע די עמיגראַציע איז פֿיעל שוואַכער, ווי ביי יודען.

דריטענס, זענען די יודישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, מחמת דעם קליין-האַנדווערקערישען כאַראַקטער פֿון דעם גרויסען רוב יודישע אַרבייטער אין מזרח-אייראָפּאַ, און צוליעב דעם סעזאָן-כאַראַקטער פֿון דער יודישער אַרבייט, איבערהויפּט צו וועניג שטאַנדהאַפֿט און צו שוואַך פֿינאַנציעל, כּדי צו אונטערנעהמען מיט ערפֿאָלג אַזאַ חייטע

און פּריװאַטע אינפֿאָרמאַציאָנס- און אונטערשטיצונגס-טהעטיגקייט, װעלכע פֿאָדערט זיך פֿאַר דער עמיגראַציע אין װײַטע לענדער.

פֿערטענס, — און דאָס איז פֿיללייכט די הויפּטזאַך, — איז די פֿינאַנציעלע לײסטונגס-פֿעהיגקײט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען אפילו אין בעסטען פֿאַל זעהר בעשרענקט, מיט די סומען, װאָס זענען אויפֿגעזאַמעלט פֿון אַרבײטער-גראָשענס, מוזען זײ אָנפֿיהרען שטרײקען, אויסהאַלטען ארבײטסלאָזע א. ז. װ. א. ז. װ. — אַלזאָ װעט יעדענפֿאַלס בלײַבען פֿיר די עמיגראַציאָנס-אונטערשטיצונג נאָר אַ קלײנער פּראָ-צענט פֿון זײער בּיודזשעט. און דיזע בעשרענקונג פֿון זײער טהעטיגקײט בעגעגענט זיך נאָך מיט אַ צװײטער בעשרענקונג — נעמליך, װאָס די גאַנצע װאַנדערונגס-רעגולירונג, װעלכע קען אָנגעפֿיהרט װערען פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען און בכלל פֿון די אַרבײטער-אָרגאַניזאַציעס, קען זיך בעציהען נור אויף די אַרבײטער-עמיגראַציע: פֿון די אינפֿאָר-מאַציאָנס-דינסטען פֿון דיזע פֿעראײנען קענען אפילו געניסען אַלע אַרבײטער, אָבער מיט זײער דירעקטער פֿינאַנציעלער אונטערשטיצונג האָבען דאָס רעכט זיך צו בענוצען נור די אָרגאַניזירטע אַרבײטער, װעלכע געהערען צו די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס און צאָהלען אין זײ רעגעלמעסיג זײער מיטגליעדס-שטײער. דאָס הײסט, אַלזאָ, אַז די פּראָ-פֿעסיאָנעלע פֿעראײנען פֿון די יודישע אַרבײטער װעלען אפילו אין דער בעסערער צוקונפֿט קענען נור אין אַ קלײנעם מאָס ערפֿילען די אויפֿגאַבען פֿון דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג און דאָס אויך נור פֿיר אַ פֿערשװינדענד קלײנעם טײל פֿון אַלע יודישע עמיגראַנטען, װײל נאַטירליך בעשטעהט דער אונגעהויערער רוב עמיגראַנטען ניט פֿון אָרגאַניזירטע אַרבײטער. ס'איז אויך קלאָר, אַז די װאַנדערנדע הענדלער און קלײנע מײַסטערלעך קענען פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען שוין אַבסאָלוט קײן שום נוצען ניט בעקומען.

די פרייע געזעל-שאפטליכע איני-ציאטיוו.

פֿון די פֿיער פֿאָרמען געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַני-זאַציעס, װאָס מיר האָבען איבערגעצעהלט, װאָלט אַלזאָ די מלוכה זײַן פֿעהיג נעהמען אויף זיך אויסצופֿיהרען דאָס גאַנצע פּראָגראַם פֿון דער דירעקטער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג, אָבער די מלוכה װעט דאָס נאָך אַזוי גיך ניט טאָן און דערװײל איז אויף איהר דאָ װעניג װאָס צו האָפֿען; די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אײנריכטונגען װאָלטען קענען אויספֿיהרען אַ װיכטיגען טײל פֿון דעם פּראָגראַם, אָבער דערװײל, כל זמן אַזוינע אײנריכטונגען

עקזיסטירען נאָך גאָר ניט בײַ אונז, קען די קהילה,— דיזער קערן פון דער צוקונפטיגער אויטאָנאָמיע, — אויף זיך נעהמען נאָר א קלײַנעם טײַל פונקציעס. און העכסטענס, צוטרעטען און מיטהעלפען יענע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלען אויף זיך פרײַ נעהמען דעם גאַנצען ענין. און צום סוף די פּראָפעסיאָנעלע פעראײַנען, וועלכע קענען דערווײַל נאָך לחלוטין גאָר ניִשט טאָן אין דער הינזיכט, וועלען אויך שפּעטער זעהר וועניג פעהיג זײַן צו ערפילען פון דעם גאַנצען פּראָגראַם. און ווען מיר געהען אריבער צו די פרײַע געזעל-שאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, מוזען מיר קודם כל פעסט-שטעלען, אַז וואָס וועניגער עס קענען אין דיזער הינזיכט אויפ-טאָן די איבעריגע דרײַ געזעלשאַפטליכע קרעפטען, אַלץ מעהר מוז אויף זיך נעהמען די פרײַע געזעלשאַפטליכע איניציאַטיוו, כדי די נויטען פון די עמיגראַנטען זאָלען געהעריג בעפריעדיגט ווערען. ווי מיר האָבען אָט ערשט געזעהען, וועלען די מלוכה, די געמײַנדע, די פּראָפעסיאָנעלע פעראײַנען לע״ע כמעט גאָר ניִשט קענען אָדער ניִשט וועלען מאַכען; דעריבער קומט אויס דער פרייער געזעלשאַפטליכער איניציאַטיוו צו נעהמען אויף זיך דאָס גאַנצע אויבען געשילדערטע פּראָגראַם פון דער דירעקטער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג.

צי קען זי ערפילען די אויפגאבען פון דער עמיגראציאנס-רעגולירונג?

דאָ מוזען מיר ווידער דערמאָהנען דעם דאָפּעל-טען האַראַקטער פון דער עמיגראַציע בײַ יודען — וואָס זי איז פון אײַן זײַט א וואוילטאַט פאַר דאָס פאָלק, און פון דער צווייטער זײַט דאָך ניט קײַן ראַדיקאַלע לעזונג פון דער פאָלקס-נויט, נאָר ניט מעהר ווי א פּאַליאַטיוו. די עמיגראַציע איז א העכסטוואוילברענגענדער פּאַליאַטיוו, אָבער דאָך א פּאַליאַטיוו. און דאָסזעלבע וואָלט אויך זײַן די ברײַטע און אַלזײַטיגע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג. ווי מיר האָבען זי אויבען געשיל-דערט אין אונזער פּראָגראַם: אַזאַ מין רעגולירונג וואָלט ברענגען אַ קרעפטיגע רפואה געגען די צרות, פון וועלכע עס לײַדעט אונזער עמיגראַציע, אָבער בשום אופן ניט קײַן ראַדיקאַלע הײַלונג פון דיזע צרות; דאָס וואָלט געווען א שעהנער, א ווירקזאַמער פּאַליאַטיוו געגען אַ געוויסען טײַל פון די פאָלקס-לײַדען, אָבער, נאָך דעם אַלעם, דאָך ניט מעהר ווי א פּאַליאַטיוו. דאָס האַרבע, אונבאַרמהערציגע לעבען האָט שוין לאַנג אונז געזאָלט אָנלערנען, אַז אין דעם איז קײַן שום סתירה ניטאָ, אַז מיר ברויכען האָבען פּאַליאַטיווען, ווײַל קײַן ראַדי-

קאַלע לעזונג פון אונזערע פראַגען קענען מיר יעצט ניט דערגרייכען און ניט ערוואַרטען, אָבער דאָסזעלבע לעבען האָט שוין אויך גענוג דייטליך בעוויזען, אז ווען מען מוז זיך בענוגענען מיט פּאַליאַטיוען, קען מען אויך שטרעבען די דאָזיגע פּאַליאַטיוען מאַכען וואָס קרעפ־טיגער און וואָס ערפאָ־גרייכער. א לעזער, וועלכער איז געוואָהנט צו דענקען איינזייטיג און מעטאַפיזיש — „יאָ — יאָ, ניט — ניט, און אלעס איבריגע שטאַמט פונ׳ם שטן" — וועט דאָס, פּילייכט, ניט פערשטעהן, ווי קענען מיר רעדען וועגען א פּאַליאַטיוו, ווי וועגען א ברכה, — אָבער די יודישע מאַסען פערשטעהען דאָס פון זייער לעבען, ווי ווייט ווינ-שענסווערט וואָלט זיין א גוטער פּאַליאַטיוו אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע. א ראַדיקאַלע לעזונג איז דאָ פשוט אונמעגליך, ווייל די עמי-גראַציע מוז זיין א סטיכייאישער פּראָצעס, און דעריבער מוז אין איהר אויך הערשען אַנ׳אַנאַרכיע, אַ געוויסער תהו ובוהו, כל זמן עס עקזי-סטירט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע אַנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטי-שער פּראָדוקציאָן. דען די וואַנדערונגס-אַנאַרכיע איז ניט מעהר ווי א פּרט פון דער אַלגעמיינער אַנאַרכיע, די עמיגראַציע איז נור א צווייטע זייט פון יענער ערשיינונג, וועלכע הייסט אַרבייטסלאָזיגקייט. עס איז שוין גענוג בעוואוסט, אז מכח א ראַדיקאַלער לעזונג פון דער אַר-בייטסלאָזען-פּראַגע איז ניטאָ וואס צו רעדען אין דער קאַפּיטאַליסטי-שער געזעלשאַפט.

דאָ זענען בכלל נור מעגליך פּאַליאַטיוען. הייסט דאָס דען אַז מיר דאַרפען זיך אָבזאָגען און זיך אָבשאָקלען אינגאַנצען פון די מעגליכע פּאַליאַטיוען דערפאַר, ווייל זיי זענען נור פּאַליאַטיוען? קיין בר-דעת וועט דאָס ניט פאָדערן. דאָס איז איבערהויפּט דער תהו ובוהו, דער חאָאָס פון דער מאָדערנער אָרדנונג, דאָס איז דאָך איהר טראַ-געדיע און איהר אינערליכער ווידערשפּרוך, וואָס זי רופט אַרויס שווע-רע פּראָבלעמען, זי שאַפט שאַרפע קאָנפליקטען און העכסט אָנגע-שטרענגטע בעדערפנישען ביי די ברייטע מאַסען, זי ברייננט דערצו, אז דיזע בעדערפ־פנישען זאָלען זיך נויטען אין באַלדיגער הילף און זאָלען שרייען צום הימעל, — און אין דערזעלבער צייט עפענט זי ניט קיין שום דירעקטע וועגען צו מילדערן דיזע שרייענדע נויט, קיין שום מיטלען צו בעפריעדיגען די ברענענדסטע בעדערפנישען. און ביי אונז יודען קומט נאך צו צו דעם די טראַגעדיע פון דעם גלות, זיין בע-זונדערע אייגענאַרטיגע אַנאַרכיע, זיינע אייגענטימליכע אינערליכע ווי-

דערשפּרוכען. פֿון דער צוזאַמענווירקונג פֿון די דאָזיגע צווײַ סבּות, — פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנאַרכיע מיט דער גלות-אָהנמאַכט ענטשטעהט בײַ אונז אַ דאָפּעלטער אָבגרונד צווישען דער ריעזיגקײַט פֿון די פּראָבלעמען און דער ווינציגקײַט, אונבעדײַטענהײַט פֿון זײַער מעגליכער פֿאַרענטפֿערונג. הײַסט עס דען אָבער, אַז מיר טאָרען ניט רעדען מכּח ראַדיקאַלע פּאַליאַטיווען? פּונקט דער היפּך! ווײַל עס זענען דאָ די קאָלאָסאַלע בּעדערפֿנישען, און ווײַל די מעגליכע ענטפֿערן אויף זײַ שטימען ניט מיט זײַער גרויסקײַט, דוקא דערפֿאַר מעג מען רעדען וועגען פּאַליאַטיווען פֿון פֿערשיעדענער קראַפֿט, — און וואָס נעהנטער עס קומט צו דער ענטפֿער צום פּראָבלעם, וואָס קלענער דער אָבגרונד, אַלץ קרעפֿטיגער איז דער פּאַליאַטיוו, אויף וועלכען דער ענטפֿער ווײַזט אָן. אַזוי, מאָלען מיר זיך אויס אַזאַ צושטאַנד. ווען די אָהנמאַכט פֿון גלות זאָל שוין מעהר ניט ווירקען, עס זאָל פֿערבלײַבען פֿאַר אונז יודען, ווי פֿאַר אַלע איבעריגע פֿעלקער נור די קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע, מיר זאָלען זיך אין אַלע הינזיכטען אויסגלײַכען מיט די אומות העולם, — דאָס וואָלט זײַן דער ראַדיקאַלסטער פּאַליאַטיוו אַנטקעגען אונזערע פֿאָלקס-צרות. און דיזער פּאַליאַטיוו איז דער ציוניזם. מיר קענען זיך אָבער אויך מאָלען קלענערע פּאַליאַטיווען, און דאָס אויך אין אַ פֿערשיעדענעם גראַד. דער ראַדיקאַלסטער פּאַליאַטיוו פֿאַר אונזער עמיגראַציאָנס-פּראָבלעם איז די קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע, וועלכע פֿיהרט צו דער פֿערווירקליכונג פֿון ציוניזם. דאָס וואָלט זײַן אַזאַ פּאַליאַטיוו, וואָס וואָלט מיט זיך פֿאָרשטעלען אַנ'אמת'ע איבערקעהרעניש אין די טיעפֿסטע יסודות פֿון דעם יודישען לעבען. דאָך שטעלען מיר זיך פֿאָר, און אַ גרויסער טײַל פֿון דעם יודישען פֿאָלק גלויבט אין דעם, — אַז די דאָזיגע מהפּכה קען דורכגעהן אָהן דער הילף פֿון וועלכער ניט איז מלוכה-מאַכט, און בלויז דורך ענערגישע טהעטיגקײַט פֿון אַ פֿרײַער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציע (ווי דער ציוניסטישער קאָנגרעס, פֿערשיעדענע ציוניסטישע אונטערנעהמונגען, דער וועלט-פֿערבאַנד „פּועלי ציון", פּאַלעסטינאַ-אַרבײַטער-פֿאָנד א. ד. גל.); נאַטירליך, איז דערצו נויטיג, די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע זאָל פֿיהרען אַ פֿערנינפֿטיגע פּאָליטיק, זי זאָל זיך צופּאַסען צו די לעבענס-בעדינגונגען, צו די סטיכיאישע, פֿון איהר בעוואוסטזיניגען ווילען אונאָבהענגיגע, פּראָצעסען, וואָס קומען פֿאָר אין דער יודישער עמיגראַציע און אין יענעם לאַנד, וואו דיזע

אָרגאַניזאַציע אַרבייט. און יענער, ווער עס ניט נור צו, אַז דורך פּרייע
געזעלשאַפּטליכע איניציאַטיוו קען דורכגעפיהרט ווערען אַזאַ ראַדיקאַלע
אַרבייט, ווי די ציוגיסטישע, מוז אויך מסכים זיין, אַז פיעל וועניגער
קרעפּטיגע פּאָליאַטיווען קענען אויך ערפיעלט ווערען דורך פּרייע גע-
זעלשאַפּטליכע אָרגאַניזאַציעס. ווען עס וואָלט ערפיעלט געווען דאָס
גאַנצע פּראָגראַם פון דער דירעקטער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג, וואָלט
דערמיט געוויס אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דאָס עמיגראַציאָנס-געביעט
אַ ראַדיקאַלע פּערבעסערונג. דעריבער קענען מיר אויפשטעלען די פּראַ-
גע: אויף וויפיעל איז מעגליך, אַ פּרייע געזעל-
שאַפּטליכע אָרגאַניזאַציע זאָל דורכפיהרען אַ ראַ-
דיקאַל-פּאַליאַטיווע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג? און
— ווי אַזוי דאַרף געבויט ווערען יענע אָרגאַני-
זאַציע, וועלכע זאָל זיין פעהיג דאָס דורכצופיהרען?

אויף ווי ווייט קען
א פרייע ארגאניזא-
ציע רעגולירען דייו-
דישע וואנדערונג?

עס איז קלאָר, אַז אַ פּרייע אָרגאַניזאַציע קען
ניט מאַכען דאָס, וואָס מיר האָבען אויבען בע-
צייכענט אַלס אינדירעקטע עמיגראַציאָנס-
רעגולירונג: זי קען ניט אָבשוואַכען די רעכטלאָ-
זיגקייט, די פּאָגראָמען, דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכע פערשטאַרקען די
יודישע עמיגראַציע; זי קען נור דירעקט רעגולירען די וואַנדערונג
ד. ה. נור ערלייכטערן איהר גאַנג. און פון יענע צוויי ציעלען, וועלכע
עס קען פערפאָלגען די עמיגראַציאָנס-רעגולירונג, — די פערקלע-
נערונג אָדער די ערלייכטערונג פון דער יודישער עמיגראַציע
—האָט די דירעקטע רעגולירונג אַ שייכות נור צו דעם צווייטען ציעל;
דעריבער קען אַ פּרייע געזעלשאַפּטליכע איניציאַטיוו ניר ערלייכטערן
די עמיגראַציע, און אויב זי וואָלט זיך געשטעלט דעם ציועק, די
וואַנדערונג אָבצושוואַכען, זי קלענער צו מאַכען, וואָלט זי אין דער
ריכטונג גאָר נישט דערגרייכט. די פערקלענערונג און די ערלייכטערונג
פון דער עמיגראַציע, ווען מען נעהמט זיי ביידע צוזאַמען, בילדען מיט
זיך דאָס, וואָס מען קען אָנרופען די נאָרמאַליזירונג פון דער
עמיגראַציע; פון אָט דער נאָרמאַליזירונג קען, הייסט דאָס, אַ
פּרייע אָרגאַניזאַציע דורכפיהרען נור די פּאָזיטיווע זייט. דאָס אַליין איז
אָבער אויך אַ ריעזיגע אויפגאַבע, דאָס איז אַזאַ ברייטעס פעלד, דאָס
דערצו ברויכט מען גאַנץ אונגעוועהנליכע קראַפט-אַנשטרענגונג און
באמת היסטאָרישע בעגייסטערונג, אויב מען שטרעבט צו ערפיעלען

זי אין איהר גאַנצען אומפאַנג. ה׳ וו. מ. האַלט אין איין איבער׳חזר׳ן, אַז די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע איז אַנ׳אָרימע „פּראָזע“, ווייל דאָ האנדעלט זיך דאָך נור וועגען שיפּס־קאַרטען און באַגאַזש, ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערען, מען טאָר אָבער ניט אַריינטראָגען קיין שום „ראָמאַנטיזם“, קיין שום בעגייסטערונג. גאַנץ ראָסועלבע וואָלט מען קענען מיט דער זעלבער קלוגהייט און געלאַסענהייט בע־הויפּטען אויך מכח דער טעטיגקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָדער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון דעם ארבייטער־קלאַס. ־דאָס אלעס מעג מען טענה׳ן, איז דאָך די לאַנגווייליגסטע פּראָזע — פינף קאָפּיקעס שכירות, אַ האַלבע שטונדע פון׳ם אַרבייטס־טאָג, מיט אַ גראָשען בי־ליגער בולבעס, בעסער געבאַקענע בולקע — ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערען.. אַ ראָמאַנטיקער איז יעדערער, ווער עס בעגייסטערט זיך צו־ליעב אַזוינע קלייניגקייטען! מיר קענען נור איינווענדען דעם ה׳ וו. מ., אַז אלעס גרויסעס איז׳ם לעבען ענטשטעהט און בעשטעהט פון אַלטעגליכע קלייניגקייטען און פון לאַנגווייליגער פּראָזע. די נפקא מינא איז אָבער, אויף וועלכע סאָציאַלע בּרייט און אין וועלכע היסטאָרישע ווייט עס פערשפּרייטען זיך די דאָזיגע „קלייניגקייטען“. און היות די עמיגרירענדע מאַסען שטעלען מיט זיך פאָר אין סאָציאַלער הינזיכט אַ בּרייטע נעזעלשאַפטליכע שיכט, און אין היסטאָרישען זין האָט די עמיגראַציע פאַר זיך אויך אַ גאַנץ לאַנגע צוקונפט — קען מען ממילא די רעגולירונגס־אַרבייט ניט נידריגער שעצען, ווי אַנ׳ערך די קאָאָפּעראַ־טיווע, און ביליגע שיפּס־קאַרטען ניט נידריגער, ווי ביליגען קאַרטאָפעל. פּרובען מיר נור זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַנ׳אַרבייט דאָס איז — רעגולירען די עמיגראַציע, ווי מיר האָבען זי אויסגערעכענט אויבען אין דעם רעגולירונגס־פּראָגראַם. אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל דאָס אלעס ערפילען, מוז זיין אַזוי קרעפטיג, אַזוי עלאַסטיש, בעוועגליך און בּרייט פערצווייגט, זי זאָל קענען שריט ביי שריט פאָלגען נאָך׳ן עמיגראַנט אויף זיין דאָרניגען וועג, שטענדיג גרייט זיין צו איילען איהם צו הילף באַלד ווי ער ליידעט עטוואַס אין וועג אָדער איהם טרעפט זיך וועלכע ניט איז סכנה, די אָרגאַניזאַציע דאַרף דאָ תמיד שטעהן מיט אָנגעגאַרטעלטע לענדען, בעוואָפענט מיט איהר גאַנצען איינפלוס און מיט איהר גאַנצער בעגייסטערונג—יאָ, בעגייסטערונג, כדי צו אונ־טערשטיצען יעדען ליידענדען וואַנדערער, צו פערטיידיגען זיין מענש־ליכע עהרע, צו שיצען זיינע לעבעדיגסטע אינטערעסען. ווער קען אָנ־

רופֿען פּראָזאאיש אזא אָננעשטרענגטע ארבייט, ווער וועט האָבען די העזה אויסצולאַכען די בעגייסטערונג, וואָס עס פֿאָדערט זיך כּדי צו שאַפֿען אזא אָרגאַניזאַציע? ווער וועט לייקענען, אַז דאָ פֿאָדערט זיך הייסע ליעבע צו דעם פֿאָלק, טיעפֿער גלויבען אין די היילענדע קראַפֿט, אין די היסטאָרישע אויסזיכטען פֿון דער עמיגראַציאָנס-בעוועגונג, אַז די פֿיהרער פֿון אַזאַ אָרגאַניזאַציע מוזען זיין דורכגעדרונגען מיט דעם שטאַרקסטען און וואַרעמסטען אינטערעס צו דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע?

די מיטלען פון אזא פרייער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע.

יאָ, דאָ איז נויטיג בעגייסטערונג. אַ פֿרייע געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציע בעזיצט נור צו שוואַכע מיטלען, כּדי זי זאָל קענען עטוואָס ראַדיקאַלעס אויספֿיהרען אָהן דער גענעהריגער בעגייסטערונג, נור דורך די מעכאַנישע קראַפֿט פֿון איהר רעגולירונגס-אַפּאַראַט. וואָס אַנבעלאַנגט ידיעות, איז אפשר נאָך מעגליך, אַזאַ אָרגאַניזאַציע זאָל זיי בעזיצען נאָך מעהר און נאָך בעסערע, זיכערערע איידער אַ מלוכה-איינריכטונג; זי זאָל בעקומען דורך איהרע פֿערצווייגטע פֿיליאַלען אין דער גאַנצער וועלט די אויספֿיהרליכסטע אינפֿאָרמאַציע צוליעב איהרע קליענטען-עמיגראַנטען; וואָס אַנבעלאַנגט אָבער קאַפּיטאַלען און איינפֿלוס, קען זי זיך געוויס ניט גלייכען צו אַ מלוכה אָדער צו די אָרגאַנען פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסטפֿערוואַלטונג. די גאַנצע ווירקונג און איינפֿלוס פֿון אזא פֿרייער אָרגאַניזאַציע קען זיך שטיצען נור אויף פֿאָלגענדע מיטלען, וועלכע זי בעזיצט. ערשטענס, קען זי בויען אויף דער מאַכט פֿון איהרע קאַפּיטאַלען,— נאַטירליך אויב די לעצטע וועלען זיין גענוג גרויס. ניט בעזיצענדיג קיין שום צוואַנגס-מיטלען, מוז זי צוציהען צו זיך דעם צוטרוי פֿון די עמיגראַנטען און די אַכטונג פֿון די רעגירונגען, פֿון די שיפֿס-קאָמפּאַניעס נור דורך איהר ריינקייט, נור דורך איהר קרעדיטפֿעהיגקייט. מיט איהרע קאַפּיטאַלען קען זי זיך בעגנוגענען מיט קלענערען רוח, ווי די פּריוואַטע קאָנטאָרען, און אויף אַזאַ אופן בייקומען זיי דורך קאָנקורענץ; זי קען אויך פֿיר די שיפֿס-קאָמפּאַניעס פֿאָרשטעלען מיט זיך אַ מעהר זיכערן קאָנטראַהענט, ווי די פֿינאַנציעל שוואַכערע פּריוואַטע אונטערנעהמער. ד. ה. געגען די חברה-לייט, וועלכע עקספּלואַטירען די עמיגראַנטען-מאַסע, קען די פֿרייע אָרגאַניזאַציע פֿיהרען נור אַ קאָנקורענץ-קאַמפּף, און ניט דירעקט פֿערפֿאָגען זיי מיט דער מאַכט פֿון געזעץ. דאַן ווייטער, ווען זי וועט זיך שוין ערווערבען דאָס פֿערטרויען פֿון די מאַסען און אַ גרויסען אוי-

טאָריטעט, וועט זי קענען אויך אָנווענדען נעגען די צו פיעל עקס־פלואטאטאָרישע שיפס־געזעלשאפטען דעם מיטעל פון באָיקאָט: ד. ה זי קען פערעפענטליכען די נעמען פון יענע קאָמפאניעס אָדער פון יענע שיפען, אויף וועלכע מען בעהאנדעלט שענדליך די עמיגראנטען, פון יענע קאנטאָרען, וועלכע בעשווינדלען זייערע קליענטען; זי קען ערקלעהרען אויף זיי א באָיקאָט אונטער דער באָיקאָט־דראָהונג וועט זי אימשטאנד זיין צו צווינגען די קאנטאָרען און קאָמפאניעס מאכען די אָדער יענע הנחות פאר די עמיגראנטען. אנ׳איינפלוסרייכע רעגולי־רונגס־אָרגאניזאציע וואלט געקענט אפילו פועל׳ן, אז די שיפס־קארטען פון יענע געזעלשאפטען, וועלכע האָבען זיך מיט איהר געשטעלט אין פערבינדונג און האָבען בעווילינט געוויסע הנחות, פאר די עמי־גראנטען, זאלען אויף זיך טראָגען א ספעציעלען צייכען אָדער צעטעל מיט דעם שטעמפעל פון דער רעגולירונגס־אָרגאניזאציע; אזא צעטעל („לעבעל״, label) ווערט אָפט געברויכט פון די אמעריקאנער פראָ־פעסיאָנעלע פעראיינען (ווערען אָנגעקלעפט אויף די סחורות), כדי אָנצוווייזען, אז דער קונה מעג דאָ זיכער זיין, דאָס די סחורה שטאמט פון עהרליכערע הענד. אויף אזא אופן וועלען די עמיגראנטען קויפען נור יענע שיפס־קארטען, ד. ה. נור פון יענע שיפס־קאָמפאניעס, אויף וועלכע די אָרגאניזאציע האָט נעגעבען איהר הכשר. — אויסערדעם, האָט נאך די אָרגאניזאציע אין איהר רשות דאָס מיטעל פון יורידישער הילף: ווען זי בעמערקט מצד די קאָמפאניעס וועלכע ניט איז מיס־ברויכען און עבירות, וועלכע מען קען געזעצליך פערפאָלגען, קען זי שטיצענדיג זיך אויף׳ן געזעץ, צוציהען די קאָמפאניע צום געריכט און צווינגען זי איינצוהאלטען די רויבערישע אפעטיטען.

ס׳איז קלאָר, אז כדי צו בענוצען אָט די אלע מיטלען, דעם פינאנציעלען דרוק, דעם נייטיגען איינפלוס אויף די מאסען, דעם באָיקאָט (און „לעבעל״) און די יורידישע ארגומענטאציע, מוז די רעגולירונגס־אָרגאניזאציע, קודם כל רעגאליזירט ווערען אין אלע לענדער, וואו איהר וועט אויסקומען צו ארבייטען; מיט אנדערע ווערטער זי מוז פועל׳ן, די רעגירונגען מוזען אָפיציעל נעבען זייער הסכמה אויף איהר עקזיסטענץ און אויף איהר ארבייט. דערביי וועט אונ־בעדינגט ענטשטעהן א גאנצע רייהע שוועריגקייטען, וועלכע די רעגו־

וועלכע פאליטישע שטערונגען קען א פרייע ארגאניזאציע ניט בייקומען.

לירונגס-אָרגאַניזאַציע איז ניט בכח אָבצושאַפֿען. ערשטענס, האָבען מיר שוין געזעהען, אז די רעגירונגען פֿאָלגען אין זייער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק גאַנץ אָפֿט אַזוינע אינטערעסען, וועלכע האָבען גאָר ניִשט צו טון מיט די בעדערפֿנישען פֿון די וואַנדערנדע מאַסען, און ווייל די פֿרייע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע וועט אַ דאַנק דער לעגאַליזירונג אָבהענגיג פֿון די רעגירונגען, וועט זי זיך אויך מוזען רעכענען מיט אַט דיזע פֿערשיעדענע מלוכה-אינטערעסען. אַזוי, אין רוסלאַנד וועט די אַדמיניסטראַציע נעווים שטרעבען אויסצונוצען די רעגולירונגס-אַנשטאַלטען צוליב איהרע פּאָליציייאישע צוועקען, די אַנשטאַלטען וועלען מוזען אַכטונג געבען אויף די מיליטער-פֿפֿליכטען און אויף די פּאָליטישע כשרות פֿון די עמיגראַנטען, אין עסטרייך — אויף זייערע מיליטער-פֿפֿליכטען. אין די פֿעראייניגטע שטאַטען נאָרד-אַמעריקאַ וועט מען מוזען זיך רעכענען מיט די איינוואַנדערונגס-בעשרענקונגען, און ס'איז אַ גרויסע פֿראַגע, ווי אַזוי די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט נאָך בכלל אַ קוק טאָן אויף די טעטיגקייט פֿון דער רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. דער לעצטער פֿערבאָט מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג געגען דאָס אַריינפֿאָהרען פֿון די גאַלוועסטאָנער אימיגראַנטען, ווייל דיזע אימיגראַנטען זענען כלומר'שט „פֿערקאָנטראַקטירטע אַרבייטער" בעווייזט אַז זי קוקט. מיט בייזע אויגען אויף אַזאַ מין טעטיגקייט. דיזעלבע ספּלה, וועלכע די יט"א האָט בעקומען דערפֿאַר, ווייל זי פֿיהרט אַריין אין לאַנד כלומר'שט „פֿערקאָנטראַקטירטע אַרבייטער", קען אויך סטראַשען יעדער אַנדערער רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. נאַטירליך שטאַמט דיזער קלאַפּ פֿון דער יט"א פֿון איהר אייגענעם פֿעהלער, וואָס זי האָט עס ניט בעזאָרגט לכתחילה צו בעקומען די הסכמה פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ס'איז אפילו פֿאַר אַלעמען געווען גאָר אונערוואַרטעט, און מען האָט געמיינט אַז די רייכע מומע האָט מסתמא אַלעס פֿון אָנפֿאַנג איינגעאָרדנעט, היינט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זי האָט געטריבען לעכערליכע דיפּלאָמאַטיע, אפילו בנוגע צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג און דאָס ווייזט ווי נויטיג עס איז צו בעטאָנען, אַז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציעס מוזען זיין לעגאַליזירט (ניט נור אין רוסלאַנד!) און מוזען זיך רעכנען מיט די געזעצען פֿון אַלע לענדער, וואו זיי ווילען אַרבייטען.

צווייטענס, ווייל די אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין פֿאָלקאָם לעגאַל, וועט זי בשום אופֿן ניט קענען איננאַנצען אָבשאַפֿען די הילפֿסלאָזיג-

קיִיט פֿון די עמיגראַנטען: כל זמן עס עקזיסטירט דאָס פּאַספּאָרטען־סיסטעם אין רוסלאַנד, אין רומעניען, דאָס מיליטער־דיענסט אין רוסלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און רומעניען, כל זמן עס וועלען דויערן די פּאָליטישע פֿערפֿאָלגונגען געגען איינצעלנע פּערזאָנען אין רוסלאַנד, וועט אַ געוויסער טייל עמיגראַנטען נאָך אַלץ זיין געצוואונגען אָנקומען צו די „אַנעגטען“, צו די „שוואַרצערס“, און וועט ניט קענען געניסען פֿון די וואוילטאַטען פֿון דער רעגולירונגאַט די אַלע אומשטאַנדען שאַפֿען מיט זיך די גרעסטע שוועריגקייט פֿאַר דער עמיגראַציאָנס רעגולירונג, און די פֿרייע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך שוין פֿון אָנפֿאַנג אָן אָבזאָגען פֿון דעם נעדאַנק — אייננאַנצען אָבצושאַפֿען די געהיימע אַגענטען און איינגאַנצען צו בעשיצען די עמיגראַנטען געגען עקספּלואַטאַציע. — אויך אין איהר יורידישער אַריינמישונג איז די עמיגראַציע נאַטירליך בעשרענקט מיט די ראַמען פֿון די עקזיסטירענדע געזעצען: שאַפֿען נייע געזעצען קען זי ניט, דאָס ליעגט ניט אין איהר רשות. זי קען נור אויסנוצען יענע הנחות, וועלכע דאָס געזעץ האָט שוין אַליין געגעבען די עמיגראַנטען, און וועלכע די רעצטע קענען אָבער ניט געניסען מחמת זייער אונוויסענהייט און אָהנמאַכט.

וועלכע היסטאָרישע גרעניצען קען די דירעקטע רעגולי־רונג ניט אַריבער־שרייטען.

דאָס איז אַלץ נערעדט געוואָרען מכּח דעם וועלכע פּאָליטישע גרעניצען וועלען געשטעלט דער רעגולירונגס־אַרבייט דורך דעם, וואָס אין איהר רייסען זיך אַריין די פֿערשיעדענע זייטיגע מלוכה־אינטערעסען. אָבער אין אָט די גרעניצען וואָלט דאָך אַ פֿרייע רעגולירונגס־אָרגאַניזאַציע נעקענט פֿיעל לייסטען ביי דער איבערנעגעבענהייט צו דער זאַך, ווען זי זאָל אָנגעפֿיהרט ווערען פֿון קאָמפּעטענטע מענשען מיט אַ ברייטען קוק אויף די געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגען און מיט טיעפֿען אינטערעס צו דער עמיגראַציע. פֿון אָנפֿאַנג, ווען די קאַפּיטאַלען און דער איינפֿלוס זענען נאָך אונבעדייטענד, קען זי ווייניג וואָס אויפֿטאָן, אָבער מיט דער צייט קען זי פֿיעל קראַפֿט ערווערבען און ערפֿיעלען אַלץ אַ גרעסערען טייל פֿון דעם דירעקטען רעגולירונגס־פּראָגראַם. ווען מיט דער צייט האַלטען אויך די רעגירונגען זיך געענדערט און דעמאָקראַטיזירט, וואָלטען אויך פֿאַלען פֿיעלע פּאָליטישע שטערונגען פֿון יענע וואָס מיר האָבען אָט ערשט אויסגערעכענט. עס בלייבט אָבער אַ געוויסער היסטאָרישער גרעניץ, וואָס איהם וועט קיין שום דירעקטע רעגולירונגס־

אַרבּײַט ניִט קענען אַריבּערטרעטען, און דיזער גרעניִץ איִז יענע ראַדיִקאַלסטער פּאַליִאַטיִוו פֿאַר דער עמיִגראַציאָנס-פֿראַגע, וועלכער בּעשטעהט איִן קאָנצענטריִרטער קאָלאָניִזאַציע. בּיִז צו דיזעם ראַדיקאַלען מיִטעל צו לעזען דאָס עמיִגראַציאָנס-פּראָבּלעם קען מען בּשום אופֿן ניִט דערגרײַכען דורך די דיִרעקטע רעגוליִרונג פֿון דער עמיִגראַציע. דיזע רעגוליִרונג קען אַרײַנטראָגען איִן דעם וואַנדערונגס-שטראָם אַ געוויִסע פּלאַנמעסיִגקײַט, אָבּשוואַכען דעם חאַאָס, וואָס הערשט איִן איִהם, אָבּער ניִט צוגעבּען איִהם אויך אַנ׳ אויסען-ליִגענדען צוועק, ניִט אָבּקערעווען דעם שטראָם איִן נײַע פּוסטע אָדער שיִטער-בּעזעצטע לענדער. פֿערוואַנדלען די עמיִגראַציע איִן קאָלאָניִזאַציע איִז די דיִרעקטע רעגוליִרונג ניִט בּכח.

דער געדאנק וועגען „בּעהערשען די עמיגראציע״.

דאָ שטויסען מיִר זיִך גלײַך אָן אויף דער פֿראַגע, ציִ איִז עס מעגליִך און אויף וויִפֿיִעל מעגליִך צו בּעהערשען די עמיִגראַציע. היות די עמיִגראַציע איִז אַ סטיִכיִיאַיִשער פּראָצעס, פֿרעגט זיִך איִן אַלגעמײַנעם, אויף וויִפֿיִעל און ווי אַזוי איִז עס מעגליִך אַ סטיִכיִיאַיִשען פּראָצעס צו בּעהערשען, צו מאַכען איִהם פֿאַר אַ ווערקצײַג איִן די הענד פֿון דעם בּעוואוסטזיִניִגען מענשליִכען רצון? ס׳איִז קלאָר, אַז יעדע נעשעהעניִס איִן דער נאַטור און איִן דער געזעלשאַפֿט, צו וועלכער דער ציִעל-בּעוואוסטער מענש האָט זיִך נאָך ניִט צוגעריִהרט, איִז אַ סטיִכיִיאַיִשער פּראָצעס, און די מאַכט פֿון דעם מענשען איִבּער די נאַטור בּעשטעהט טאַקי גראָד איִן דעם, וואָס דער מענש לערנט זיִך אויס אַלץ בּרײַטער צו בּעהערשען די דאָזיִגע סטיִכיִיאַיִשע פּראָצעסען. אויף אַזאַ אופֿן מוזען מיִר צוגעבּען, אַז דער אויסדרוק „סטיִכיִיאַיִשער פּראָצעס״ זאָגט נאָך ניִט דאָס דער מענש מיִט זײַן בּעוואוסטזײַן קען דאָ נאָר ניִשט אויפֿטון; דער אויסדרוק ווײַזט אָן ניִט מעהר ווי, אַז דער פּראָצעס, וועלכען מען מײַנט, איִז דערווײַל נאָך ניִט בּעהערשט פֿון דעם מענשען. ווען מיִר וועלען געבּרויכען פּשוטע בּעגריִפֿען און ניִט אַרײַנ׳חקרנ׳ען זיִך איִן די פֿיִלאָזאָפֿיִשע דיִסקוסיעס איִבּער די בּעגריִפֿען, בּעהערשט דער מענש די סטיִכיִיאַיִשע פּראָצעסען פֿון דער נאַטור דורך דעם, וואָס ער ערקענט און נוצט אויס די נעזעצמעסיִגקײַט פֿון דיזע פּראָצעסען; דער מענש קען קיִנסטליִך צוזאַמענשטעלען, קאָמבּיִניִרען. דיזע געזעצמעסיִגקײַטען און די פּראָצעסען, כּדי צו בּעקומען די וויִרקונגען, וועלכע ער וויִנשט. אָבּער ער איִז בּכלל ניִט

אים שטאנד קינסטליך צו שאפען גאר נייע, ניט עקזיסטירענדע פראצעסען און דיקטירען דער נאטור אויסגעטראכטע געזעצמעסיגקייטען צוועקמעסיג צו קאמבינירען די געזעצען פון דער נאטור, בעהערשע זי דורך קלוגע אונטערטעניגקייט — דאס איז אלעס, וואס דער בשר ודם קען דערגרייכען. אבער אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען איז עד היום די מאכט פון׳ם מענשליכען בעוואוסטזיין נאך מעהר בענרענצט דאדורך, וואס פיעלע פון די סטיכייאישע פראצעסען אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג טראגען א חאאטישען חאראקטער. וואס אין זיי הערשען אינערליכע ווידערשפרוכען און אנארכיע. איך וועל דא ווידער אויסמיידען ארייגצולאזען זיך אין פילאזאפישע (ערקענטניס־טעארעטישע) חקירות, ווי אזוי אין אין וועלכען זין קען מען רעדען וועגען אנארכיע און האאס דארט, וואו נעוויסע טיעפגרייפענדע געזעצמעסיגקייטען זענען דאך שוין פעסטגעשטעלט געווארען; אין דעם ריין־פראקטישען זין, וועלכער אינטערעסירט אונז דא, בעדייטעט די אנארכיע, דער תהו ובהו אין׳ם געזעלשאפטליכען לעבען נאר נישט אנדערעס, ווי דאס אז אזוינע חאאטישע פראצעסען לאזען זיך ניט בעהערשען פון דעם מענשענס ווילען, דאס זיי ווילען ניט פאלגען זיינע צוועקען. ווי מיר האבען פריהער געזעהען, איז די עמיגראציאנס־אנארכיע ענג פערבונדען מיט דעם אלגעמיינעם תהו ובהו פון דער פראדוקציאן; דערפון איז קלאר, אז אבפיהרען בעוואוסטערהייט דעם עמיגראציאנס־שטראם אויף נייע וועגען איז דער ארגאניזירטער געזעלשאפטליכער רצון ניט מסוגל. איננאנצען בעהערשען איהם איז אויס־געשלאסען. הייסט דאס דען אבער, אז דא קען מען גאר נישט דער־גרייכען, און אז מען מוז זיך לחלוטין אבזאגען פון בעהערשען די עמיגראציע? איך מיין דאס ניט.

אין די געזעלשאפטליכע פראצעסען קען דער מענש ניט קאמ־בינירען די געזעצמעסיגקייטען לויט זיין ווילקיר, אבער ארייגטראגען מעהר בעוואוסטזיין, מעהר פלאנמעסיגקייט, מעהר ארדנונג אין זייער גאנג קען ער דאך, — זעלבסטפערשטענדליך, ניט דער יחיד איז דאס בכח, נאר א קרעפטיגע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע. אט דאס איז טאקי דער אונטערשיעד פון בעהערשען צו רעגולירען: בעהערשען בעדייטעט מעהר מאכט, רעגולירען — ווייניגער מאכט, בעהערשונג איז די ווייטערדיגע און העכערע שטופע פון דער רעגו־לירונג; דער אונטערשיעד איז אין כמות, און ניט אין איכות. רעגו-

לירען הייסט שוין טיילווייז בעהערשען. דיזע בעהערשונג ווערט אָבער בעשרענקט דורך דעם, וואָס דער מענש קען די וואַנדערונג ניט אָנפיהרען לויט זיין ווילען. ער איז נור אים שטאַנד זי רעגולירען, זי עקאָנאָמישער מאַכען, פערשפּאָרען די קרעפטען, וועלכע זי פאַרשווענדעט, פערשפּאָרען די יסורים, וועלכע זי מאַכט אָן; קורץ, די פרייע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע מוז נאָכפאָלגען נאָך דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם אויף יענע ריכטונגען, וועלכע ער נעהמט אָן אַליין פון זיך, זי קען איהם ניט פאָרשרייבען אַזוינע ריכטונגען, וועלכע זי געפינט פאַר בעסער. אַזוי ווי די וואַנדערונג ווענדעט זיך דער ווייַל ניט אין איין איינציגען צענטער, נאָר זי גיסט זיך, פערקעהרט, פאַנאַנדער אויף אַלע שבע ימים, מוז אויך די רעגולירענדע אָרגאַניזאַציע זיך צופּאַסען צו אָט דעם סטיכייאישען גאַנג פון דער עמיגראַציע, צו איהר צווייאונג. א לאַנגע צייט נאָך מוזען מיר ערוואַרטען, אַז די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע וועט בעשטעהען אין דעם, וואָס ווי איהרע קאָנצענטרירענדע, אַזוי אויך איהרע צווייענדע טענדענצען וועלען דורך די רעגולירונג ערלייכטערט ווערען. מען קען ניט זאָגען סתם, אַז די עמיגראַציע צווייט זיך פון זיך אַליין: ניין, זי צווייט זיך און זי קאָנצענטרירט זיך אין איין און דיזעלבע צייט: דאָס הייסט זי קאָנצענטרירט זיך אין פיעלע צענטרען. אָט אָדי צווייזייטיגקייט פון דער יודישער וואַנדערונג, איהר פּאָליצענטריזם, ברענגט דערצו, וואָס אויך די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע וועט פאַר זיך האָבען א ברירה פון די צוויי טענדענצען: די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע קען שטרעבען וואָס מעהר צו ערלייכטערן און צו בעפרייען די צווייענדע טענדענצען פון דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם, זי קען אָבער אויך זיך סטאַרען צו בעגינסטיגען די קאָנצענטרירענדע טענדענצען. פאַר יעדען טעריטאָריאַליסט איז קלאַר, אַז עס איז ווינשענס-ווערט, די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע זאָל זיך שטעלען אויף דעם צווייטען וועג.

אויב יאָ, אויב די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע קען יאָ מיטווירקען צו די קאָנצענטרירונגס-טענדענצען פון דעם וואַנדערונגס-שטראָם, מעג מען זיך פאָרט אויסמאָלען, אַז זי וועט מיט דער צייט אויך קענען זוכען נייע איינוואַנדערונגס-ערטער. און אין דעם פּרט וועט זי אויך מוזען פאָלגען דעם סטיכייאישען גאַנג פון דער וואַנדערונג, און וועגען אָבווענדען איהם אין גאָר נייע לענדער קען נאַטירליך קיין רעד ניט זיין. די אָרגאַניזאַציע מוז נור זיין אויף אַזוי ווייט פאָראויסזיכטיג, זי

זאל קענען צווישען יענע לענדער, וואוהין עס צערשטרייט זיך די וואנדערונג, אויסגעפינען דעם פאסענדסטען צענטער, יענעם, פאר וועלכען די צוקונפט איז אם מייסטען. די ארגאניזאציע מוז פעהיג זיין פאראויסצוזעהען, מוז האבען דעם מוט צו היסטארישע וויטזיכטיגקייט, און דעם שכל אויס צומיידען דערביי אויך יעדען אוטאפיזם. צי קען א רעגולירונגס-ארגאניזאציע זיין אויף אזוי פיעל קלוג און קרעפטיג, איז א גרויסע פראגע; יעדענפאלס, איז דאס דער מאקסימום וועלכען זי קען דערגרייכען. זוכענדיג די נייע צוקונפטס-לענדער פון דער יודישער עמיגראציע, ניט כדי די וואנדערונג צו צוזייען, נאר כדי זי ווי ווייט מעגליך צו קאנצענטרירען, דערגרעכט די ארגאניזאציע ביז דער העכסטער מדרגה פון דער רעגולירונג, און אויף אזא אופן קומט זי צו יענעם שטריך, וועלכער טיילט אפ די עמיגראציע פון דער קאלאניזאציע. די לעצטע אבער געהערט שוין בשום אופן ניט צו דעם טעטיגקייטס-פעלד פון די רעגולירונגס-איינריכטונגען: דורך זייער טעטיגקייט אין דער ווייטער צוקונפט וועלען זיי אפשר אים שטאנד זיין אינדירעקט צו העלפען דער קאלאניזאציע, דורך דעם וואס זיי וועלען זיך סטארען צו ערלייכטערן די איינוואנדערונג אין דאס קאלאניזאציאנס-לאנד, אבער אנפיהרען די קאלאניזאציע וועלען זיי ניט קענען.

ציוניסטישע אויסזיכטען פון דער רעגולירונגס-ארבייט.

דאס איז אלעס געזעגט געווארען אבסטראקט, מיר האבען אין אלגעמיין אנגעדייטעט דעם גרעניץ ביז וועלכען עס קען געהן די עמיגראציאנס-רעגולירונג. עס איז אבער אויך אין דער קאנקרעטער ווירקליכקייט גאנץ מעגליך, זי זאל טאקי דערגרעהען אט ביז דיזעם גרעניץ און די רעגולירונגס-ארגאניזאציע זאל טאקי מיט דער צייט געצוואונגען ווערען זיך ווענדען צו ענערגישער קאנצענטרירונגס-טעטיגקייט. דאס וועט פארקומען ביי פאלגענדע צוויי בעדינגונגען: פון איין זייט דארפען אלע פריהעריגע לענדער פון דער יודישער איינוואנדערונג פארמאכען זייערע טויערען פאר אונזערע עמיגראנטען, און פון דער צווייטער זייט דארף א נייעס לאנד ארויסווייזען זיין פעהיגקייט אריינצונעהמען אין זיך דעם יודישען וואנדערער-שטראם. די ערשטע בעדינגונג וועט צווינגען די רעגולירונגס-ארגאניזאציע צו זוכען נייע לענדער, און די צווייטע בעדינגונג וועט איהר געבען די מעגליכקייט אזא לאנד צו געפינען. קיינע פון די ביידע בעדינגונגען געניגט ניט איינע אליין. כדי

צו דערפֿיהרען די רעגולירונגס-אַרבייט ביז צו ענערגישער און פּלאַנמעסיגער קאָנצענטראַציע. ווען אַלע ביזהעריגע איינוואַנדערונגס-לענדער האָלטען שוין פֿערשלאָסען געוואָרען פֿאַר אונז, הייסט דאָס נור, אַז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע וואָלט מוזען אָנהויבען טראַכטען מכּח נייע לענדער, אָבער נעפּיגען זיי אַליין וואָלט זי גיט קענען: ווי מיר האָבען פֿריהער געזאָגט, קען די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע ניט אָבקערעווען די וואַנדערונג אין נייע ערטער, זי איז אימשטאַנד נור ערלייכטערן דעם גאַנג פֿון דער עמיגראַציע אין יענע לענדער, וואוהין זי פֿליסט פֿון זיך אַליין. ביידע בעדינגונגען ליגען אויסערהאַלב פֿון דיזעם יודישען עמיגראַציאָנס-פּראָצעס, מיט וועלכען די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע בעשעפֿטיגט זיך. אַליין אַרויסרופֿען אין לעבען אָדער פֿאָרבערייטען די צווייטע בעדינגונג קען זי אויך ניט. אַלזאָ, בלייבט אונז אויס צו וואַרטען, ביזוואַנען די סטיכייאישע ענטוויקלונג וועט אַליין צושטאַנד ברענגען ביידע אָנגעוויזענע תנאים. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע דאַרף און קען זיך ניט שטעלען צום פֿאָראויס דעם צוועק – צו זוכען נייע איינוואַנדערונגס-לענדער, זי דאַרף זיך לכתחילה בעשעפֿטיגען נור מיט דער רעגולירונג אַלס אַזעלכער, אָבער די נעשיכטע קען זי מיט דער צייט ברענגען אויך צו אַ ברייטערער אַרבייט, וועלכע וועט שוין גרענצען גלייך מיט דער קאָלאָניזאַציע.

דערווייל וואָלט דאָס זיין לגמרי שעדליך, ווען מיר וואָלטען פּרובען שטעלען דער עמיגראַציאָנס-אָרגאַניזאַציע אַזוינע ווייטע און צווייפֿעלהאַפֿטע (פּראָבלעמאַטישע) אויפֿגאַבען, ווי אַנ׳ערך, די בעהערשונג פֿון דער עמיגראַציע אָדער די פֿערוואַנדלונג פֿון עמיגראַציע אין קאָלאָניזאַציע. די וואַנדערונג בעריהרט ברענענדע אַלטעגליכע אינטערעסען פֿון פֿאָלק, און די רעגולירונגס-אַרבייט דאַרף אויף זיי געבען אַ תשובה מיר מעגען סטאַרען זיך, אַז די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע זאָל אַכטונג געבען אויף אַלע ריכטונגען אין וועלכע עס פֿליסט דער יודישער וואַנדערער-שטראָם; מיר מעגען פֿאָדערן, אַז די אַרבייט פֿון דער אָרגאַניזאַציע זאָל זיך גיט בעשרענקען מיט יענעם גרויסען רוב עמיגראַנטען, וואָס פֿאָהרען נאָך אַמעריקאַ, נאָר זי זאָל זיך אויך בעציהען אויף יענעם קליינעם צווייג, וועלכער נעהט אין דעם נאָהענטען מזרח און ספּעציעל אין פּאַלעסטינאַ; מיר מעגען פֿאָראויסזעהען

און פאראויסזאגען, וואוהין די דאזיגע ארבייט וועט מיט דער צייט פיהרען, וועלכע נאציאנאלע פערספעקטיווען זי עפענט פאר'ן פאלק, אבער שטעלען דער רעגולירונגס-ארגאניזאציע טערריטאריאליסטישע אדער ציוניסטישע צוועקען טארען מיר ניט, ווייל דאס וואלט זי אבגעצויגען פון איהר דירעקטען וועג פון אלטעגליכער ארבייט אויף דעם וועג פון פריהצייטיגע עקספערימענטען און אוואנטיורען.

דעמאקראטיע און פילאנטראפיע אין דער רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע:

וועדליג ווי מיר האבען געשילדערט אין די ביזהעריגע אויספיהרונגען, איז קלאר, אז מכח א ריין-קאפיטאליסטישער רעגולירונגס-ארגאניזאציע קען ניט זיין קיין רייד, ווייל אזא מין פרייע ארגאניזאציע דארף שטרעבען ניט צו רוח, נאר צו דעם וואויל פון די וואנדערנדע מאסען. זי ברויכט האבען אזא בעגייסטערונג און בעזיצען אזא צוטרוי מצד די מאסען, וואס פאר אנ'עקספלואטאטארישער געזעלשאפט איז דאס גאר אונמעגליך. וועגען דעם טראכט טאקי ביי אונז קיינער ניט. ביי אונז רעדט מען אבער זעהר פיעל מכח א „דעמאקראטישער עמיגראציאנס-פאליטיק;" און אין דער זעלבער צייט ווייסען מיר, אז ביזהער האט נאך אונזער דעמאקראטיע נאר נישט געטאן צוליב רעגולירען די עמיגראציע און אלץ וואס איז נור געמאכט געווארען אין דער היינזיכט, שטאמט דאס פון די פילאנטראפען, פון די יודישע „קולטוס-געמיינדען" (קהילות) אין אויסלאנד, פון אונזערע „רייכע מומעס" ווי די אליאנס, די יק'א, יט'א, א. ז. וו. אריבערגעהענדיג צו דער פראגע, ווי אזוי דארף געבויט ווערען די פרייע רעגולירונגס-ארגאניזאציע, מוזען מיר זיך פאנאנדערקלייבען אין דעם, וואס קענען אין דעם פרט דערגרייכען די יודישע דעמאקראטיע און די יודישע פילאנטראפיע, מיר דארפען אנאליזירען די אינטערעסען און די קרעפטען. ווי פון דער ערשטער אזוי אויך פון דער צווייטער. און דאן ערשט וועלען מיר זעהען, וועלכע פעריבינדונג און קאמבינירונג פון אונזערע געזעלשאפטליכע קרעפטען איז נויטיג, כדי איינצואורדענען א פערנינפטיגע עמיגראציאנס-פאליטיק.

ציקען די עמיגראצ-יאנס-ארגאניזאציע זיין ריין-דעמאקראטיש.

די, וואָס שרייַען בײַ אונז אַזוי פֿיעל וועגען „דעמאָקראטישע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק", האָבען גאָר נישט געפּרובט זיך קלאָר צו מאַכען, וואָס הייַסט דעמאָקראַטיע בכלל. „דעמאָקראַטיע איז קודם כּל זעלבסט-הילף, זעלבסט-טעטיגקייט, זעלבסט-אָרגאַניזירונג" *) — אָט דאָס מוזען מיר געדענקען, אויב מיר ווילען פֿערנינפֿטיג רעדען מכּח עמיגראציאָנס-פּאָליטיק. דעמאָקראַטיש איז נור דאָס, וואָס עס ווערט אָנגעפֿיהרט דורך די פֿעראינטערעסירטע גופא; דעמאָקראַטיע בעדייטעט ניט הילף, נאָר זעלבסט-הילף, ניט רחמנות, נאָר קאַמפּף, זי בעדייַטעט, אַז ניט אייַנער זאָרגט וועגען אַ צווייטען, איין שיכט, איין קלאַס וועגען אַ צווייטען שיכט, נאָר דער פֿעראינטערעסירטער פֿאָלקס-עלעמענט זאָרגט וועגען זיך אַליין. דער, וועגען וועמען מען זאָרגט, דאַרף זיין דער זעלבער, ווער עס זאָרגט, כּדי עס זאָל מעגליך זיין אַ דעמאָקראַטישע טעטיגקייט; אין דער דעמאָקראַטיע פֿאַלען צוזאַמען דער סובּיעקט מיט דעם אָבּיעקט פֿון דער געזעצגעבּערישער טעטיגקייט. דאָרט אָבּער, וואו אַזאַ צוזאַמענפֿאַלונג איז אונמעגליך, קען וועגען דעמאָק-ראַטיע קיין רעד ניט זיין. ווער בּילדעט אָבּער מיט זיך דעם אָבּיעקט פֿון דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג? נאַטירליך, די עמיגראַנטען-מאַסע, וועגען איהר דאַרף זאָרגען די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. צי קען אָבּער די דאָזיגע מאַסע זיין אויך דער סוּבּיעקט פֿון דער דאָזיגער רעגולירונג, צי קען די עמיגראַנטען-מאַסע זיך אַליין רעגולירען? די דאָזיגע פֿראַגע שטעלען זיך קיין מאָל ניט יענע, וועלכע האַלטען אין איין אַגיטירען פֿאַר אַ דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק. זייערע נענגער לייַקענען ענטשידען די פֿראַגע; אַזוי, זאָגט ה. וו. מעדעם, אַז „די עמיגראַנטען קענען זיין נור דער אָבּיעקט פֿון דער רעגולירונג, אָבּער ניט איהר סוּבּיעקט", **) און דעראיבּער ערלויבּען זיך נור „ראָמאַנטיקער" צו רעדען מכּח דעמאָקראַטישער רעגולירונג, אין דעם ענין איז מעגליך נור פֿילאַנטראָפּיע. ה׳ וו. מעדעם בּענעהט דעם זעלבּען פֿעהלער, ווי די „ראָמאַנטיקער" ווי ער רופֿט זיי אָן (צ.

*) אפרים בלומענפעלד, וועגען וויענער עמיגראציאנס-קאנגרעס („דאס פרייע ווארט 2 , ז. 15).

**) וו. מעדעם, וועגען דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע („יעווריאבאזר" 1910. 9 ז. 5).

ב. ה׳ בערטאָלדי). דערמיט וואָס ניט ער, ניט זיי אַנאַליזירען ניט טיעפער דעם בעשטאַנד פון אָט דער עמיגרירענדער מאַסע.

די צוזאמענשטעלונג פון דער עמיגרי-רענדער מאסע.

פון וועמען זשע בעשטעהט די עמיגרירענדע מאסע ? ריכטיגער געזאָגט, וועלכע עמיגראַציאָנס שטופען קען מען אין איהר אויסטיילען ? ערשטענס זענען דאָס די עמיגראַנטען אין ענגען זין פון וואָרט, ד. ה. מענשען, וועלכע האָבען זיך שוין אויפגעהויבען פון אָרט, שוין געזעצט זיך אין באַהן אָדער גאָר אויף׳ן שיף, און נאָך ניט אָנגעקומען אויף׳ן אָרט, אייגענטליך, זענען עס די פּאַסאַזשירען—דער ערשטער טייל פון דער עמיגרירענדער מאַסע. צווייטענס, געהערען צו איהר יענע מענשען וועלכע האַלטען אין קלייבען זיך אין וועג אָדער וועלכע זענען שוין אָנגעקומען אויף׳ן אָרט, אָבער נאָך ניט איינגעאָרדנעט זיך דאָרטען; דאָס זענען עמיגראַנטען אין ברייטערען זין פון וואָרט. דריטענס קען מען אַהער צורעכענען אויך יענע אַלע, ווער עס וועט נור מיט דער צייט אפשר פאָהרען, ווייל זיינע לעבענס-יסודות אין דער אַלטער היים האָבען זיך שוין פאַנאַנדערגעשאָקעלט, הגם דערווייל האַלטען זיי זיך גענוג פעסט, כדי נאָך ניט צו טראַכטען מכח עמיגרירען. דאָס זענען פּאָטענציעלע עמיגראַנטען. עס זענען פאַראַן אויך פיעלע אַזוינע, וואָס וואָלטען גערן אוועקגעפאָהרען, אָבער זיי האָבען ניט די נויטיגע מיטלען — אַזוינע געהערען אויך צו די פּאָטענציעלע עמיגראַנטען. ווען ה׳ בערטאָלדי רעדט, אַנ׳ערך, וועגען דער דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס פּאָליטיק, מיינט ער, אַז דאָס גאַנצע פאָלק קען גלייך צוגעצויגען ווערען צו דער רעגולירונגס-טעטיגקייט, ד. ה. ביי איהם בעשטעהט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק פון פּאָטענציעלע עמיגראַנטען, אַלזאָ זענען יודען אַנ׳עמיגראַנטען-פאָלק. איז שוין קלאָר, אַז די עמיגראַנטען-מאַסע קען זיין דער סוביעקט פון דער רעגולירונג, זי קען זיך אליין רעגולירען. אויף אַזאַ אופן פאַרברייטערט ער צו שטאַרק דעם בעגריף „עמיגראַנט", אַזוי אַז דיזער בעגריף פאַלט צוזאמען מיט דעם בעגריף „יוד". ה׳ וו. מעדעם פאַרקעהרט, פערשטעהט דעם בעגריף „עמיגראַנט" צו ענג, פאַר איהם איז נור אַ פּאַסאַזשיר אַנ׳עמיגראַנט *), און ווי אַנ׳אמת׳ער בעל

*) פערגל. וועגען דעם אינטערעסאַנטע אויספיהרונגען פון ה׳ מ. ב. ראטנער, „די עמיגראציאנס-פראגען", („יעווור אבאזר", 1910, 13).

צדקה מיט אַ פֿילאַנטראָפּישען קוק אויף די עמיגראַציע, שטעלט ער זיך גאָר ניט פֿאָר, אַז די רעגולירונג זאָל זיין אַנדערש, ווי אויף פֿילאַנטראָפּישע יסודות.

די דעמאקראטישע אינטערעסען אין דער עמיגראציע.

ווען מיר פֿאַרשטעהען אָבער דעם בעגריף עמיגראַנט און די ווירקונגען פֿון דער עמיגראַציע רעאַליסטיש, ניט אוטאָפּיסטיש און ניט פֿילאַנט-ראָפּיש, דאַן מוזען מיר אונטערשיידען גלייך מיט די פֿערשיעדענע עמיגראַציאָנס-שטופֿען (פּאַסאַזשיר, סתם עמיגראַנט און פּאָטענציעלער עמיגראַנט) אויך פֿערשיעדענע גראַדען פֿ ע ר א י נ ט ע ר ע ס י ר ט ה י י ט אין דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע און פֿערשיעדענע גראַדען ק ר אַ פֿ ט צו פֿערזאָרגען דיזע אינטערעסען. נאַטירליך זענען די „פּאַסאַזשירען„ די עמיגראַנטען, וואָס געפֿינען זיך אין וועג. אַם אונמיטעלבאַרסטען פֿעראינטערעסירט אין דעם רעגולירען די וואַנדערונג זיי זענען אָבער אונפֿעהיג צו וועלכער ניט איז אָרגאַניזאַטאָרישער איניציאַטיוו אָדער צום קאַמפּף פֿאַר זייערע אינטערעסען. דער אינטע-רעס איז ביי זיי דער שטאַרקסטער, אָבער אין קראַפֿט זענען זיי די שוואַכסטע פֿון דער גאַנצער וואַנדערער-אַרמעע. זיי קענען וועגען זיך אַליין ניט זאָרגען, זיי מוזען אַנדערע בעזאָרגען. די „פּאַסאַזשירען" אַלס אַזעלכע קענען זיין נור דער אָביעקט, אָבער ניט גלייכצייטיג דער סוביעקט פֿון דער רעגולירונג. די „אָרגאַניזאַציע פֿון פּאַסאַזשירען" איז, בלי ספק, אַ פּוסטער חלום. דאָס גרעסטע, וואָס זיי וואָלטען זיין אים שטאַנד דורכצופֿיהרען, איז איין מאָל אין אַ שמיטה אַ שטרייק אין דער עמיגראַנטען-קאַנטאָר אָדער אויף'ן שיף; איז אויך פֿאָדערט זיך צוליעב אַזאַ שטרייק אַזוי פֿיעל עמפּערונג, סאָלידאַריטעטס-געפֿיהל און דאָס מוט די עמיגראַנטען זענען קוים פֿעהיג איהם אויסצוהאַל-טען און צו געווינען, ווען די גאַנצע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג זאָל בעשטעהען בלויז אין בעזאָרגען די וואַנדערער אין וועג, די „פּאַסאַזשי-רען" וואָלט דאָ נאַטירליך ניט געווען קיין שום רעדע מכח דעמאָק-ראַטישע פּאָליטיק. ווי דעמאָקראַטיש זאָלען אפילו ניט געבויט ווערען יענע עמיגראַציאָנס-איינריכטונגען, וואָס וואָלטען זיך בעשרענקען נור מיט דער בעזאָרגונג פֿון די „פּאַסאַזשירען", דאָך וועט אין זיי מוזען הערשען אַ פֿילאַנטראָפּישע געזינונג, ווייל דער עמיגראַנט וועט תמיד אַהין קומען מיט זיין פּסיכאָלאָגיע פֿון אָבהענגיגקייט און הילפֿסלאָזיג-

קײט. און אפילו די בעסטע טוער װאָלטען זיך מיט דער צײט צוגעװעהנען צו בעהאַנדלען די עמיגראַנטען אויף'ן פֿילאַנטראָפּישען שטײגער.

אָבער װי די עמיגראַציאָנס-פֿראַגע, אַזױ דאָס דירעקטע רעגולירונגס-פּראָגראַם, װי אויך די טעטיגקײט בנוגע צו אינדירעקטער רעגולירונג זענען פֿיעל ברײטער פֿאַר דער פּשוט'ער פּאַסאַזשירען-נויט. ניט נור פּאַסאַזשירען, ניט נור סתם עמיגראַנטען, נאָר אויך די פּאָטענציעלע עמיגראַנטען און אפילו דאָס גאַנצע יודישע פֿאָלק זענען דירעקט אָדער אינדירעקט פֿעראינטערעסירט אין דער עמיגראַציע און אין איהר פֿערנינפֿטיגער רעגולירונג. — און דוקא דערפֿאַר, װײל די עמיגראַציע איז ניט קײן פֿאָלקס-צרה, נאָר אַ פֿאָלק-ברכה. די עמיגראַציע זאָל נאָרמאַליזירט װערען, פֿערקלענערט װערען, דאָרט װאו זי איז שוין צו גרױס, מחמת צופֿעליגע סבות, ערלײכטערט װערען דאָרט װאו זי שטאַמט פֿון טיעפֿע און דויערנדע אורזאַכען,— אין דעם זענען פֿעראינטערעסירט די גאַנצע יודישע פֿאָלקס-מאַסען. דער אינטערעס אין דעם איז אַלזאָ אַ רײן דעמאָקראַטישער, דאָס איז דער אינטערעס די בעדערפֿניש פֿון פֿרײער ענטװיקלונג פֿון אַ ברײטער מאַסען-ערשײנונג װעלכע ברענגט אויסלײזונג פֿאַר אַ גרויסען טײל פֿון די פֿאָלקס-נויטען. נאַטירליך איז שוין דער אינטערעס פֿון די ברײטע, ניט דירעקט עמיגרירענדע מאַסען דערבײ פֿיעל שװאַכער, װי די פֿעראינטערעסירטהײט פֿון די פּאַסאַזשירען אַלס אַזעלכע, פֿון די עמיגראַנטען סתם און פֿון די פּאָטענציעלע עמיגראַנטען; דערפֿאַר איז אָבער דאָ די אָרגאַניזירונגס-פֿעהיגקײט און די װירקונגס-קראַפֿט שוין אַ גוזמא גרעסער. בכלל איז דאָס אַזױ אין דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע, װי אויך אין פֿיעלע אַנדערע פֿראַגען: װאָס גרעסערעס איז די פֿעראינטערעסירטהײט פֿון אַ געװיסער שיכט, אַלץ װעניגער קראַפֿט בעזיצט דיזע שיכט צו בעשיצען איהרע אינטערעסען. דאָך איז דער אינטערעס פֿון פֿאָלק אין דער הינזיכט נענוג שטאַרק און ברענענד, און, װען אַ געװיסע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע זאָל זיך ניט בעגרענצען מיט בעדיענען די פּאַסאַזשירען, װאָלט דיזע אָרגאַניזאַציע געװיס קענען צוציהען צו זיך די סימפּאַטיע און די מיטװירקונג פֿון די ברײטעסטע שיכטען. אַלזאָ איז אין דער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק דער גראַד דעמאָקראַטיזירונג אָבהענגיג פֿון דער ברײטקײט פֿון איהרע אויפֿגאַבען און פֿון דעם, װי װײט װערען דורך דער רעגולירונגס-אַרבײט בעריהרט די אינטערעסען פֿון די מאַסען. װען דאָס פֿאָלק זאָל אויף זיך נעהמען די רעגולירונג

פֿון דער עמיגראַציע, וואָלט דאָס גיט הייסען, אַז איין שיכט וועט זאָרגען, וועגען דער צווייטער, גאָר אַז דאָס פֿאָלק יועט וועגען זיך אַליין זאָרגען און זיך אַליין בעדיענען. דאָ וואָלט קעגען צוזאַמענפֿאַלען דער סוביעקט מיט דעם אָביעקט פֿון דער רעגולירונגס-טהעטיגקייט, דאָס וואָלט געווען באמת אַ זעלבסט טעטיגקייט, אַ זעלבסטהילף. די דירעקטע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג, ווען זי ווערט געשטעלט אויף אַזוינע יסודות, דאַרף מען בעטראַכטען ווי אַ מין געגענזייטיגע הילף און געגענזייטיגע אַסעקוראַנץ פֿאַר עמיגראַציע, קודם כל מצד די פּאָטענציעלע עמיגראַנטען און ווייטער אויך פֿון יענע אונגעהויערע פֿאָלקס-שיכטען, וועלכע עמיגרירען אַליין ניט, זענען אָבער אינדירעקט פֿעראינטערעסירט אין דער נאָרמאַליזירונג פֿון די עמיגראַציאָנס-פּראָצע-סען.

אידעאל און ווירק-ליכקייט אין דער עמיגראַציאָנס-פּאָ-ליטיק.

אין דעם זין וואָלט זיין, אַבסטראַקט גערעדט, גאַנץ בעגרייפֿליך אַ דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק, דאָ זעהען מיר ווידער אַ מאָל די אַנאַ-לאָגיע צווישען דער וואַנדערונגס, און דער אַרבייטסלאָזען-פֿראַגע. פּונקט אַזוי ווי די פּאַסאַזשירען און סתם עמיג-ראַנטען זענען אויך די אַרבייטסלאָזע אונפֿעהיג זיך פֿעסט צו אָרגאַניזי-רען און זיך אַליין צו בעזאָרגען; דאָס הייסט אָבער גיט, אַז אין דער אַרבייטסלאָזען-פֿראַגע איז מעגליך נור פֿילאַנטראָפּיע, נור צדקה, פֿאַרקעהרט, ווייל אין דער אַרבייטסלאָזען-פֿראַגע זענען ברענענד פֿער-אינטערעסירט ניט נור די אַרבייטסלאָזע, נאָר אויך די בעשעפֿטיגטע אַרבייטער, און ניט נור דערפֿאַר ווייל יעדער אַרבייטער איז פּאָטענציעל אַרבייטסלאָז, נאָר אויך אַ דאַנק פֿיעלע אַנדערע אינטערעסען-פֿער-בינדונג, דוקא דערפֿאַר איז גאַנץ מעגליך אַ דעמאָקראַטישע אַרבייטס-לאָזען-פּאָליטיק מצד די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, וועלכע בעשטעהט אין געגענזייטיגער הילף און געגענזייטיגער אַסעקוראַנץ; דערפֿאַר קען אויך געמאָלט ווערען אַ דעמאָקראַטישע אַרבייטסלאָזען-פּאָליטיק מצד דער מלוכה.

אונזער דירעקטעס רעגולירונגס-פּראָגראַם, וואָס מיר האָבען אויבען פֿאַנאַנדערגעוויקעלט, איז גענוג ברייט, כדי צו בעפֿרידיגען דעם ברייטעסטען אינטערעסען-קרייז, וועלכער איז פֿערבונדען מיט דער עמיגראַציע. אויף'ן גרונד פֿון דעם פּראָגראַם וואָלט מעגליך זיין אַ דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק. ליידער אָבער איז אַזאַ

פאליטיק מעגליך נור ביי גרויסער ערפאהרונג, איינפלוס און קאפיטאלען, וועלכע אונזער דעמאקראטיע בעזיצט ניט און קען ניט בעזיצען. ריין-דעמאקראטישע עמיגראציאנס-פאליטיק איז בעגרייפליך על פי שכל הישר, זי איז אבער אין דער ווירקליכקייט אונמעגליך, און ניט נור ביי אונז, נאר אויך ביי אנדערע פעלקער. ווען זי איז אויך שוין גאר דעמאקראטיש, איז דאס נור דאן, ווען זי ווערט געפיהרט דורך די פראפעסיאנעלע פעראיינען. אבער מיר האבען געזעהען, ווי אונגעניגענד איז יענער טייל פון דעם רעגולירונגס-פראגראם, וועלכען זיי זענען בכח אויף זיך צו נעהמען, אין אלגעמיין אבער קען מען אהן דעם אנטייל פון קאפיטאל און פון די קאפיטאליסטען ניט ערפילען די ריזיגע אויפגאבען פון דער עמיגראציאנס-רעגולירונג. א פרייע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע, וועלכע זאל אים שטאנד זיין צו רעגולירען די עמיגראציע, קען ניט זיין ריין-דעמאקראטיש. נור א מלוכה אדער די פאליטישע ארגאנען פון נאציאנאלער זעלבסט-פערוואלטונג, ווען זיי וואלטען זיין נענוג דעמאקראטיש, וואלטען אויך קענען דעמאקראטיש אוועקשטעלען א בריימע עמיגראציאנס-רעגולירונג; און דערפון זעהען מיר ווידער טאקי, אז אונזערע הייסע מנידים פון דער „דעמאקראטישער עמיגראציאנס-פאליטיק" וואלטען דארפען עטוואס מעהר זיך אינטערעסירען אויך מיט דער בירגערליכער און נאציאנאלער עמאנציפאציע פון דעם יודישען פאלק אין די גלות-לענדער: דיזע עמאנציפאציע איז א נויטיגער תנאי פאר דער פערנינפטיגער פאליטיק ניט נור אין דער אינדירעקטער, נאר אויך ווי מיר זעהען יעצט, אין דער דירעקטער עמיגראציאנס-רעגולירונג.

די בהדרגהדיגע דעמאקראטיזירונג פון דער עמיגראציאנס-פאליטיק.

ווי מיר האבען געזעהען, וואכסען די דעמאקראטיזירונגס-אויסזיכטען אין אונזער ענין צוזאמען מיט דעם אומפאנג פון יענעם רעגולירונגס-פראגראם וועלכער ווערט בעזארגט דורך די עמיגראציאנס-ארגאניזאציע. דערפון איז שוין אין אלגעמיין, אהן ווייטער-דיגע פרטים קלאר, אז די דעמאקראטישע עמיגראציאנס-פאליטיק קען זיך ניט איינארדנען מיט א מאל, עס פאדערט זיך א לאנגע צייט ביז די פונקציעס פון דער רעגולירונגס-אנשטאלט וועלען אויסוואכסען ביז דעם גאנצען שטח פון יענע פאלקס-אינטערעסען, וואס ווערען בעריהרט דורך די עמיגראציע. די דעמאקראטיזירונג פון די פרייע רעגולירונגס-ארגאניזאציעס

וועט אַלזאָ פֿאָרקומען בהדרגה׳דיג, שטופֿענווייז און דער אָנפֿאַנג מוז זיין גאָר וועניג דעמאָקראַטיש, ווייל פֿון אָנהויב מוז מען ערשט בעזאָרגען די נויטען פֿון די פּאַסאַזשירען אין וועג, אין בעסטען פֿאַל פֿון יענע עמיגראַנטען (סתם עמיגראַנטען) וועלכע זענען שוין גרייט אויפֿהייבען זיך פֿון אָרט. דאָס זענען עלעמענטען וועלכע קענען זיך אַליין ניט אויסהאַלטען און מוזען אָנקומען צו פֿרעמדער שטיצע. דעראיבער איז די ערשטע צייט א דעמאָקראַטישע פֿיהרונג פֿון די רעגולירונגס-אַנשטאַלטען לגמר, אונמעגליך. די גאַנצע אַרבייט מוז דאָ ליגען אין פֿילאַנטראָפּישע הענד די דעמאָקראַטיע קען דאָ העכסטענס סטאַרען זיך צו קאָנטראָלירען אַזוי אָדער אנדערש די טעטיגקייט פֿון די פֿילאַנטראָפּישע חברות, אָבער דאָס וועט זי אויך ניט לייכט דערגרייכען, ווייל עס איז דאָך פֿאָרט שווער צו בעקומען א קאָנטראָל איבער אַזא געביעט, וואו מען אַרבעט אַליין ניט און וואו מען קען אַליין גאָר נישט אַרבייטען, אויסערדעם איז טאַקי די פֿילאַנטראָפּיע פֿיעל גלייכער און פֿיעל פּאַסענדער איידער די דעמאָקראַטיע אומעדום, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען הילף און ניט זעלבסט הילף, ווייל דאָס דירעקטע טעטיגקייטס-פֿעלד פֿון דער אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטיע איז קאַמפּף, און ביי איהר הערשען תמיד די אינטערעסען פֿון קאַמפּף איבער די ענינים פֿון הילף, פֿון צדקה.

מיר זעהען טאַקי, אַז די אָרגאַניזירטע דעמאָקראַטיע איז פּשוט אונפֿעהיג אָנצופֿיהרען וועלכע ניט איז הילפֿס-אַקציאָן, און אַז זי נעהמט זיך שוין יאָ פֿאַר איהר, טהוט זי אָן צרות אָדער זי פֿערכאַפּט דיזע אַקציאָן אין די הענד פֿון איינצעלנע פּאַרטייען און סטאַרעט זיך אַרוים צושטויסען די פּאַרטייאישע געגנער. די דעמאָקראַטיע איז קיין מאָל ניט גאַנץ איינינג, זי איז צוטיילט לויט קלאַסען — די קליין-בירגערליכע און די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע, און אפילו די לעצטע טיילט זיך אויך אין פֿיינדליכע לאַגערם לויט פֿערשיעדענע פּראָגראַמען. פּרובט אַקאָרשט אָוועקצושטעלען די פֿערטרעטער פֿון אונזער דעמאָקראַטיע, זיי זאָלען בעזאָרגען די הילף פֿאַר די נשׂרפֿים — צו וועט דערפֿון אַרויסקומען אַ גרויסע פּעולה? קיינעם וואָלט גאָר ניט איינגעפֿאַלען אַזאַ זאַך.. אַן׳עהנליכעס בילד שטעלט מיט זיך פֿאָר אויך די עמיגראַציאָנס-פֿראַגע. אין אויסלאַנד עקזיסטירען „קאָמיטעטען” פֿאַר יודישע עמיגראַנטען, אָנגעפֿיהרט דורך די מערב-אייראָפּעאישע קהילות און קאַפּיטאַליסטען-פֿילאַנטראָפּען,

און עס עקזיסטירען אויך אין פערשיעדענע שטעדט „עמיגראנטען-קאסען“ וואס ווערען אויסגעהאלטען פון די „רוסישע“ (ד. ה. הויפט-זעכליך יודישע) סטודענטען און ארבייטער. די ערשטע זענען געבויט פילאנטראפיש און ביוראקראטיש, די צווייטע — דעמאקראטיש. אבער ווער פון די רוסישע יודען אין אויסלאנד ווייסט ניט, אז אויב א נ׳עמי־גראנט, אהן אונטערשיעד פון פארטיי און פאליטישער איבערצייגונג, וויל בעקומען וועלכע ניט איז שטיצע, דארף ער זיך ווענדען צו די פילאנטראפישע „קאמיטעטען“, אבער ניט צו די סטודענטישע „קאסען“? דען די „קאסען“ אונטערשטיצען ניט אלע עמיגראנטען, נאר מיט בעשטימטע איבער-צייגונגען, און ווען זיי זענען שוין „אונפארטייאיש“, פאלען זיי דאך אריין צו דער אדער יענער פארטיי, און ווערען פון איהר אויסגענוצט.

די אלוועלטליכע יודישע פילאנטראפיע. אויב אין דער ערשטער צייט מוז די פילאנטראפיע האבען די גאנצע ממשלה איבער די דירעקטע עמיגראציאנס-רעגולירונג, וועט זי אויך שפעטער, ביי דער גרעסערער דעמאקראטיזירונג פון דער ארבייט, דאך ניט קענען אבגעשאפען ווערען, ווייל די דעמאקראטיע וועט קיין מאל ניט בעזיצען אזוי פיעל ידיעות, איינפלוס און קאפיטאלען (קרעדיט), זי זאל קענען אליין באשטעהען אהן דער הילף פון דער גרויסער בורזשואזיע, דער-ווייל אבער ליעגט די גאנצע זאך אין די הענד פון דער פילאנטראפיע און אונזערע דעמאקראטישע ארגאניזאציעס האבען זיך נאר ניט בעשעפטיגט און נאר ניט אינטערעסירט מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע און מיט דער טעטיגקייט פון יענע חברות און קאמיטעטען וועלכע האבען געארבעט אין דעם ענין. מכח דער רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע איז בכלל נאך כמעט נאר נישט געטאן געווארען, אבער דאס ביסעל, וואס מען טוט יא, שטאמט פון אונזערע פילאנטראפען. ווער זשע זענען זיי, און וועלכע אינטערעסען זייערע ווערען בעריהרט דורך די עמיגראציע? ה׳. א. ליטוואק מיינט, אז דאס איז די „יודישע אינטערנאציאנאלע גרויסקאפיטאליסטישע פילאנטרא-פיע“ *) — זי שאפט אט די אלע עמיגראציאנס-קאמיטעטען און

*) א. ליטוואק, וועגען עמיגראציאנס-קאנגרעס („צייט-פראגען“) 1, ז. 77) דאסזעלבע מיינט אויך ה׳. בערטאלדי אין זיין ארטיקלען-סעריע „פעראייניגען אדער בויען“ („פריינד“ 1909, בעזונדערס, קאפ. III ; „אלוועלטליכע יודישע

„רעגולירט" די עמיגראַציע פֿון די מזרח-אייראָפּעאישע יודען. אָבער וועלכע אינטערעסען בעוועגען די דאָזיגע „אינטערנאַציאָנאַלע" חבריא, אויף דעם שטעלט זיך ה. ליטוואַק ניט אָב, און דערפֿאַר קומט בײַ איהם אויס די גאַנצע יודישע פֿילאַנטראָפּיע גאַנץ גלייך אין דער גאַנצער וועלט, ער אונטערשיידעט ניט איהרע פֿערשידענע טיילען, פּונקט אַזוי ווי ה. מעדעם אָדער ה. בערטאָלדי¹ אַנאַליזירען ניט די צוזאַמענשטעלונג פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע. ווען די דאָזיגע „אינטערנאַציאָנאַלע יודישע פֿילאַנטראָפּיע' וואָלט מיט זיך אין דער אמת'ען פֿאָרגעשטעלט אַזאַ איינאַרטיגע און איינינגע מאַסע, ווי וואָלט מען דאָס קענען ערקלערען, פֿאַר וואָס זי איז צוטיילט אין פֿערשידענע חברות און נעזועלשאַפֿטען, וועלכע קאָנקורירען צווישען זיך גאַנץ אָפֿט זעהר אונ'ברחמנות'דיג, און בעמיהען זיך איינע מעהר אויספּיינען זיך פֿאַר'ן עולם, ווי די צווייטע? און זאָגען מיר, אַז די גאַנצע חבריא איז בעהערשט פֿון אַ ריין-פֿילאַנטראָפּישען אינטערעס, פֿון וואַנען'זשע, ווידער, טאַקי, נעהמט זיך אָט די דאָזיגע קאָנקורענץ? מילא די בעצאָהלטע דיענער און בעאַמטע פֿון אָט די פֿערשידענע נעזעלשאַפֿטען קאָנקורירען דערפֿאַר, ווייל זיי זענען בלוטיג פֿעראינטערעסירט אין דעם ערפֿאָלג פֿון יענע איינריכטונגען, וואו זיי דיענען, מילא די אַנגעשטעלטע קאָנקורירען פֿאַר עולם הזה; ניט שוין'זשע קאָנקורירען זייערע בעלי בתים, די גרויסע גבירים און בעל צדקות, נור פֿאַר עולם הבא?

די נאציאנאלע אינטערעסען פון דער יודישער בורזשואזיע.

בײַ די אומות העולם איז דער גרויסער קאַפּיטאַל פֿעסט פֿערבונדען מיט דעם גאַנצען לעבען פֿון זיין נאַציאָן, ער הערשט איבער דאָס פֿאָלק און פֿערטרעט איהם מיט זיך; ער בעזיצט די גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט און דעראיבער איז ער אונמיטעלבאַר פֿעראינטערעסירט, אַז די מאַכט און דאָס אָנזעהען פֿון זיין נאַציאָן אין דער וועלט זאָל וואַקסען אָהן אַ ברעג. כדי צו פֿערדונקלען און פֿערטייבען די קלאַסען-געגענזעצען אין דער נאַציאָן, מוז דער קאַפּיטאַל בעזונדערס שטאַרק אונטערשטרייכען די כלומר'שטע נאַציאָנאַלע איינ-

¹) פילאנטראפיע און אלוועלטליכע יודישע דעמאקראטיע", „פרייגר" 1909, 138) ה. בערטאלדי בעמיהט זיך ניט צו אנאליזירען די סאציאלע צוזאמענשטעלונג ניט פון דער פילאנטראפיע און ניט פון דער דעמאקראטיע: ער בעטראכטעט יעדע בעזונדער ווי אנ'איינהייטליכע גרויס דאס איז דער געוועהנליכער פעהלער פון די עמיגראציאנס-פובליציסטען.

הייט. די בורזשואזיע איז מעהר נאציאָנאל, מעהר שאָוויניסטיש, מעהר מיליטאריסטיש פאר די איבעריגע קלאסען און גרופּען פון פאָלק. דער ענגער עקאָנאָמישער צוזאמענהאנג צווישען דער בורזשואזיע מיט די אנדערע קלאסען פון דער נעזעלשאַפט ערקלערט אונז זעהר לייכט די נאציאָנאלע פּאָליטיק פון דעם גרויסען קאפּיטאל ביי אנדערע פעלקער; א דאנק אָט דעם עקאָנאָמישען אינטערעסען-צוזאמענהאנג, א דאנק די שטארקייט און לעבע־דיגקייט פון דיזע אינטערעסען טראָגט די טעטיגקייט פון די הערשענדע קלאסען ביי אנדערע פעלקער א נאציאָנאלען און פּאָליטישען כאראקטער. די כלל-טעטיגקייט פון דער גרויסער יודישער בורזשואזיע איז אָבער גאָר אַנדערע, זי טראָגט א רעליגיעזען און פילאנטראָפּישען כאראקטער. בשעת ביי די הערשענדע קלאסען פון אנדערע אומות שטעהט די אמונה נור אויף דעם צווייטען פּלאן און פערגלייך מיט דער נאציאָן, און די פילאנטראָפּיע ד. ה. דער „אָרגאניזירטער רחמנות“ שפּיעלט נאָר א קליינע ראָלע, טרעטען ארויס די פערהעלטניסען ביי יודען אין דעם דירעקטען היפּך צו דעם: ביי יודען שטעהט די נאציאָן נור אויף דעם צווייטען פּלאן אין פערגלייך מיט דער אמונה, און די פּאָליטיק פערנעהמט כמעט נאָר קיין פּלאץ ניט אין דער כלל-טעטיגקייט פון אונזערע פּני דאָס שטאַמט דערפון, וואָס דער יודישער גרויס-קאפּיטאל נעהט אריין אלס עלעמענט כמעט אויסשליסליך אין די ניט-יודישע פּראָדוקציאָנס-צווייגען, וועלכע האָבען ניט צו טאָן מיט דעם יודישען ארבייטער און מיט דעם יודישען קאָנסומענט. דעראיבער איז דער יודישער גרויס-קאפּיטאליסט פיעל שטארקער און פיעל אָפטער פערבונדען ווירטשאפטליך מיט די ארומיגע פעלקער, ווי מיט דער יודישער נאציאָן; אויף זיין פאבריק ארבייטען זעהר זעלטען יודען, אין זיין קראָם אָדער באנק דיענען הויפּט יודישע אנגעשטעלטע נאנץ אָפט אויך ניט-יודישע, זיין קליענט איז אָפטמאָל אָדער נאָר מעהרסטענסטיילס דער „גוי“; מיט „גוים“ פיהרט ער געשעפטען, מיט „גוים“ האנדעלט ער, זיין אידעאל איז, וויסענדיג אָדער ניט וויסענדיג, במזיד צי בשוגג, צו ווערען אַן „איינגענער“ אויף דעם „גויישען“ מארק און אין דער „גויישער“ געזעלשאַפט. די יודישע מאסען מיט זייער שפּראך און מנהגים זענען איהם פרעמד. עס איז להלוטין אויסגעשלאָסען, אז ביי א יודישען נגיד זאָל זיין א ריינער נאציאָנאל-יודישער אינטערעס, און אז דיזער אינטערעס זאָל בעהערשען זיין בעוואוסטזיין

און זײַן לעבען, ווי מיר זעהען דאָס מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסע און אידעאָלאָגיע בײַ דער גרויס-בורזשואַזיע פֿון אַנדערע פֿעלקער דער נאַציאָנאַל-יודישער אינטערעס בײַ אונזערע נגידים איז אין בעסטען פֿאַל נור אַ טײַלווײַזער, אַ זײַטיגער און אַ שוואַכער, אויב ער פֿעהלט ניט אינגאַנצען; און ווען ער איז שוין דאָ, איז ער אויך שטענדיג פֿערבונדען מיט אַ צווייטען אַנטינאַציאָנאַלען אינטערעס. דער יודישער קאַפּיטאַליסט מעג פֿיהלען און דענקען נאַציאָנאַל, האַנדלען וועט ער תמיד אין די אָדער יענע וויכטיגע הינזיכטען אַנטינאַציאָנאַל. דער נציאָנאַלער אינטערעס פֿערבינדט איהם זעהר שוואַך מיט דעם יודישען פֿאָלק, און דער אַנטינאַציאָנאַלער אינטערעס זײַנער טרײַבט איהם פֿון פֿאָלק. צווינגט איהם צו זוכען ווי ווײַט מעגליך צו צערײַסען יענע פֿעדים, וועלכע פֿערבינדען איהם נאָך מיט דעם יודישען פֿאָלק.

די קוועלען, פֿאַר-מען און שטופֿען פֿון די נאַציאָנאַלע אינ-טערעסען בײַ די יודישע גבירים.

די יודישע אינטערעסען-ספֿערע פֿון אונזער גביר נעהמט זיך פֿון אַ גאַנץ פֿערפֿלאָנטערטען סכום פֿערהעלטניסען. ערשטענס, ווערט אונזער נגיד צוגעבונדען צו זײַן פֿאָלק דורך די רעליגיעזע טראַדיציע פֿון נעמײַנזאַמען גלויבען און מנהגים דיזען פֿאַקטאָר קאָן מען אָנרופֿען פּאַזיטיוו, אָבער ער ווערט אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט דורך דער אַסימילאַציע. צווײַטענס, ווירקט דאָ אַן-אַנדערער פּאָזיטיווער פֿאַקטאָר, — דאָס איז יענער עקאָנאָמישער צוזאַמענהאַנג, וועלכער עקזיסטירט אין די יודישע ווירטשאַפֿטס-געביטען, אין דעם יודישען האַנדעל און אינדוסטריע: אויף וויפֿיעל דער יודישער גרויס-קאַפּיטאַל האָט צו טאָן מיט יודישע אַרבײַטער, מיט יודישע האַנדעלס-אַנגעשטעלטע און מיט יודישע קונדען און קליענטען, אויף אַזוי פֿיעל זענען אויך די מאַטעריעלע אינטערעסען פֿון דעם יודישען נגיד געוויסערמאַסען פֿערבונדען מיט דעם שיקזאַל פֿון דעם יודישען פֿאָלק ווי מיר ווייסען, איז אָבער דער דאָזיגער פֿאַקטאָר גאַנץ שוואַך, און ער וואָלט דורך די אַסימילאַציע אויך אינגאַנצען פֿער-שוואונדען, ווען ניט אַ דריטער, רײַן-נעגאַטיווער מאָמענט, וועלכער שטאַמט פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם. די ענטוויקלונג פֿון דעם אַנטיסעמיטיזם און פֿון דעם יודען-האַס בכלל ווירקט נאַציאָנאַליזירענד אויף אַלע שיכטען פֿון דעם יודישען פֿאָלק, און מעהר פֿון אַלץ אויף דער אינטעליגענץ. דער אַנטיסעמיטישער דרוק אויף אונזערע גבירים איז טאַקי אַליין גאַנץ אונבעדײַטענד, מיט איהם קען מען שוין ווי ניט

איז אויסקומען, אָבער דער אינטעליגענט, דער מעדיקער, דער יוריסט אינזשענער, דער שרייבער, און נעלערנטער, דער קינסטלער און דער קאנדידאַט אויף פערשיעדענע שטעלען און ווירדען, — זיי פיהלען וועהר שאַרף די פעראכטונג און שנאה פון די „גוים", זיי ליידען אין וויירע ברענענדסטע נויטען פון דער רעכטלאָזינקייט אָדער פון ניט גלייכבערעכטיגונג, פון גזירות און באָיקאָטען. די ליידען פון די פּאַלקסמאַסען דערנעהען זעהר ווענינ צו די אויערען און אויגען, צו דעם האַרצען און קעשענע פון אונזער גביר, אָבער מיט דעם יודישען אינטעליגענט שטעהט ער אין ענגער פערבינדונג, און די נאַציאָנאַליזירענדע ווירקונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם גיט זיך אריבער פון דער יודישער אינטעליגענץ צו דעם יודישען גרויס-קאַפּיטאַל.

נאַטירליך, ווירקען אַט די אלע פאַקטאָרען נישט אין קיין גלייכער מאָס אויף פערשיערענע טיילען פון דער יודישער גרויס-בורזשואזיע. קודם כל קומט דאָ די גרויסע טיילונג צווישען די מזרח-און מערב-יודען: אין אַלגעמיין ווירקען אלע אַנגעוויזענע פאַקטאָרען פיעל שטאַרקער אין מזרח, איידער אין מערב; אָבער דאָ קומען אויך ווייטערדיגע טיילונגען. יענער טייל מזרח-יודען, וועלכער האָט עמיגרירט איבער'ן ים, האָט מיט זיך אַהין אריבערגעבראַכט אויך די נאַציאָנאַ-ליזירענדע קרעפטען פון לעבעדיגער טראַדיציע, פון ענגערן עקאָנאָמי-שען צוזאַמענהאַנג און פון הייסען נאַציאָנאַלען געפיהל, און דאָס האָט נעבראַכט דערצו, אז אונזער גרויס-בורזשואזיע אין אמעריקא זאָל אַזוי טיעף לעבען מיט יודישע אינטערעסען, ווי דאָס איז נור בכלל מעגליך ביי אונזערע גבירים. אויך אין מזרח זענען ניט אלע שיכטען פון דער יודישער אינטעליגענץ און בורזשואזיע גלייך בע-ריהרט פון די נאַציאָנאַליזירענדע טענדענצען, און ניט נור אין גאַליציען אָדער רומעניען, נאָר אויך אין רוסלאַנד און אמעריקא איז דער נאַציאָנאַלער תהום (אַ חוץ דעם סאָציאַלען) צווישען די נגידים מיט די מאַסען זעהר גרויס. דאָך, בלי ספק, בעשעפטיגען זיך אונזערע פני אין מזרח-אייראָפּאַ, טירקיי און אַמעריקא פיעל ענערנישער מיט די יודישע כלל-ענינים, ווי אין מערב-אייראָפּאַ.

אונאַבהענגיג פון די דאָזיגע אונטערשיעדען, קענען מיר בעמערקען פיעלע געמיינזאַמע ווייטען אין דער כלל-טעטיגקייט פון אונזערע אדירים אין פערשיעדענע לענדער. דער אלגעמיינסטער שטריך פון זייער טעטיגקייט איז, — אז זיי שטרעבען און האָבען

טאקי די מאַכט צו פֿערטרעטען מיט זיך די כלל ישׂראל-אינטערעסען:
ווי זענען די „פּני“, ווי האָבען די הענעמאָניע איבער די יודישע
ענינים, ווי האַלטען אין זייער רשות די יודישע געמיינדע, ווי בעזאָרגען
די יודישע אמונה און איהרע מנהגים, ווי פֿיהרען די יודישע צדקה-
גדולה, ווי זענען זיך משתדל פֿאַר די יודישע „רעכט“, ווי „קעמפּפֿען“
נעגען דעם אַנטיסעמיטיזם. און ווייל ביי יודען פֿעהלט דאָס נאַציאָנאַל-
פּאָליטישע לעבען, טראָגט זייער טעטיגקייט ניט קיין פּאָליטישען
חאַראַקטער. דאָס, וואָס ביי אַנדערע אומות נעהמט אויף זיך די
מלוכה, דאָס פֿיהרט דורך ביי יודען די קהלה און די פֿרייע איניציאַטיווו
פֿון די פּני. און ווייל די שטאַרקסטע אינטערעסען פֿון אונזערע
נגידים ליגען דאָך אויסערהאַלב דעם יודענטום, ווייל זיי זענען צו
שוואַך פֿערבונדען מיט די יודישע מאַסען, ווייל זייער יודישער
אינטערעס איז צו קליין, דעריבער נעהמען אָן זייערע בעציהונגען צו
די יודישע מאַסען אַ פֿילאַנטראָפּישעס אויסזעהען.
אָבער מיר דאַרפֿען אונז ניט לאָזען נאַרען דורך דעם אויסערליכען
שיין: אין דער ווירקליכקייט ווערט די טעטיגקייט פֿון אונזערע בעל-
צדקות געטריבען דורך ווירקליכע אינטערעסען, דאָס איז ניט
רחמנות, ניט בּאַרמהערציגקייט, נאָר דער פֿערפלאָנטערטער סכים פֿון
טראַדיציע, ווירטשאַפֿטליכען צוזאַמענהאַנג און פּחד פֿאַר'ן אַנטיסע-
מיטיזם — דער שורש פֿון אונזער בעריהמטער צדקה גדולה. דער
אומגליק איז אָבער, וואָס די טרייבענדע אינטערעסען זענען צו שוואַך,
ווירקען ניט אונאונטערבראָכען, ווירקען ניט טיעף און פּלאַנמעסיג,
און דעריבער ווייזט זיך אויס, אַז מיר האָבען צו טהון מיט פֿילאַנ-
טראָפּיע, מיט צדקה-געפֿיהלען, מיט ניט-פֿעראינטערעסירטהייט.

ווען דיזע כלל-מאַכער „זאָרגען“ וועגען די יודישע מאַסען
בעציהען זיי זיך באמת'ן ניט פֿעראינטערעסירט און גלייכגילטיג צו
דעם גורל פֿון די יודישע מאַסען, זיי „זאָרגען“ אונגערן, געצוואונגענער-
הייט, אָהן אַ ברעקעל ליבע און חשק צו דער זאַך פֿון פֿאָלק;
נאָר דאָס אויך אויף אַ פֿערשיעדענעם אופן. דער גרעסטער רוב
מערב-אייראָפּעאישע מאַגנאַטען פֿון משה רבינו'ס גלויבען איז כמעט
אינגאַנצען אַסימילירט. זיי אַרען לגמרי ניט די נויטען פֿון די
פֿאָלקס-מאַסען, און פֿון דעם אויבענאָנגעוויזענעם צווייזייטיגען
נאַציאָנאַל-יודישען אינטערעס ווירקט אויף זייער „צדקה-טעטיגקייט“
ניט די נאַציאָנאַליזירענדע, נאָר די אַנטינאַציאָנאַלע זייט. זיי ווילען

פטור ווערען פון די יודישע מאסען מיט זייערע נויטען, זיי שטרעבען דורך „צדקה" שטיל מאכען די יודענפראגע; דערלאנגענדיג א קליינע נדבה דעם „שנארער" פון מזרח, מיינען זיי יוצא זיין פאר זייער גאנצען יודישקייט. זייער אינטערעס איז אנטינאציאנאל און זייער בעציהונג צום יודישען פאלק איז אנטיסעמיטיש, זיי האסען און פער־אכטען די מאסען, וועלכע קומען אן צו זייער הילף, זיי וואלטען וועלען מיט זייער צדקה פערניכטען דאס פאלק. און וויל זיי זענען, דיזע מאגנאטען, אויסנעצייכענט „לאיאל" פאר זייערע רעגירונגען וויל זיי זענען פערביסענע „פאטריאטען" פון זייערע פערשידענע „פאטערלענדער", שטרעבען זיי דורך זייער צדקה דורכפיהרען די אימפעריאליסטישע, „ציוויליזאטארישע" בעשטרעבונגען פון דיזע פערשידענע „פאטערלענדער". אזוי פלאנצט איין אומעדום די פראנצויזישע „אליאנס" דעם פראנצויזישען איינפלוס און דינט טריי דער עקספאנסיאנס-פאליטיק פון פראנקרייך'ס קאפיטאל; פערקעהרט, דער דייטשער „הילפספעראיין" טרייבט איבעראל א דייטשע אימפע-ריאליסטישע פאליטיק, די אל אנס וויל אלע מזרח-יודען מאכען פאר עכטע פראנצויזען, דער הילפספעראיין פאר עכטע דייטשען. און דיענענדיג טריי יעדע איהר „פאטערלאנד", מוזען דיזע פילאנ-טראפישע חברות קעמפפען צווישען זיך, אנפיהרען א פערביסענע קאנקורענץ.

עס זענען אבער אויך דא פילע אנדערע שאטירונגען, און ניט נור פערשידענע שאטירונגען לויט זייער אונטערשיעד אין נאציאנאלער שטימונג, בילדען זיך אויס צו פערשיעדענע נעגנערישע חברות, נאר אויך אינערהאלב פון יעדער חברה זענען פערטרעטען שיכטען מיט גאנץ פערשיעדענע נאציאנאלע אינטערעסען. אזוי איז צ. ב. דער „הילפספעראיין פון די דייטשע יודען" מעהר נאציאנאל, ווי די „אליאנס", די אויסלענדישע „יק"א" איז בפירוש אנטינאציאנאל און כמעט אנטיסעמיטיש, בעת איהר רוסלענדישע אבטיילונג, די „יק"א" טראגט אן'ערליכערען נאציאנאלען פרצוף. אט די אלע שטופען און שאטירונגען, מיט זייערע אלערהאנד נעזעלשאפטען שטעהען מיט זיך צונויף צוזאמען די „אלוועלטליכע יודישע פילאנטראפיע", וויל דער אלוועלטליכער כאראקטער פון דער יודען פראגע און פון דעם יודענטום צווינגט דיזע חברות צו פערשפרייטען זייער טעטיגקייט אויף אלע לענדער פון דער וועלט, אדער לכל הפחות צו קאארדינירען

זייער טעטיגקייט, פערנעסענדיג, ווי וויט מעגליך, זייער קאָנקורענץ פאַר דעם פראַנצויזישען אָדער דייטשען „פאַטריאָטיזם".

די עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק פין דער יודישער גרויס-בורזשואזיע.

אָט די דאָזיגע צדקה-אַרבייט פון אונזער בורזשואזיע ווערט אָנגעווענדט אויך צו דער רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראַציע. די עמיגראַציע איז די וויכטיגסטע פון יענע קרעפטען, וועלכע מאַכען פון דער יודען-פראַגע א וועלט-פראַגע, די עמיגראַציע. איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר דער אסימילאַציע, איינער פון די מעכטיגסטע נאַציאָנאַליזירונגס-פאַקטאָרען אין דעם יודישען לעבען. אויך אין דעם, ווי אַזוי פערשידענע טיילען פון דער יודישער בורזשואזיע בעציהען זיך צו דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, ווירקען פערשידענע אינטערעסען. אין מזרח-אייראָפּא מאַכט די עמיגראַציע די יודישע מאַסען עטוואָס שיטערער, און ווייל פאַר דעם גביר איז ווינשענסווערט, יודען זאָלען ניט צו געדיכט לעבען, מוז דער מזרח-אייראָפּעאישער נגיד אין תוך אריין סימפּאַטיזירען מיט דער עמיגראַציע, ער מוז אויף איהר קוקען מיט א שטיקעל האָפנונג, אַז דורך איהר וועט אַ טייל יודען פערלאָזען די מזרח-לענדער און די יודען-פראַגע וועט אָבגעשוואַכט ווערען. דעראיבער איז דער מזרח-יודישער נביר פעראינטערעסירט אין דעם, די עמיגראַציע אין איהר גאַנצען אומפאַנג צו ערלייכטערן, בעזאָרגען ניט נור יענע זייטען פון דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, וואָס בעריהרען די עמיגראַנטען אין ענגען זין פון וואָרט („פּאַסאַזשירען" און „נתם עמיגראַנטען"), נאָר אויך די אינטערעסען פון דער פּאָטענציעל-וואַנדערנדער מאַסע; ער האָלט זיך ניט אָבזאָגען אויסצופיהרען דאָס דירעקטע רעגולירונגס-פּראָגראַם אין זיין גאַנצען אומפאַנג, ווען דאָס וואָלט ניט פאָדערן צו פיעל מיה. פערקעהרט, פאַר די מערב-אייראָפּעאישע יודען איז די וואַנדערונג אַ ביטערע צרה, ווייל צוזאַמען מיט איהר פּעקעלט זיך אריבער קיין מערב די יודישע נויט, די קאָנקורענץ פון די יודישע קליינע הענדלער און בעלי-מלאכות מיט די ניט-יודישע, צוזאַמען מיט איהר קומט די סכנה פון שטאַרקען עקאָנאָמישען אנטיסעמיטיזם. דער גביר פון מערב-אייראָפּא שטרעבט קלענער צו מאַכען די יודישע וואַנדערונג, און דאָ פאַלט אריין זיין אינטערעס אין אַ שאַרפער כתירה מיט זיך אליין: ווירקען אויף דער עמיגראַציע קען דער יודישער מאַגנאַט נור דורך דירעקטע רעגולירונג, די לעצטע אָבער האָט די אונגאַנגענעהמע טבע צו ערלייכ-

טערען די עמיגראציע און ממילא האָט דאָס שוין די טענדענץ זי צו פֿער־גרעסערן... ווי־אַזוי קען ער זיך אויסהעלפֿען אַ קעגען דער דאָזיגער מכּה? נור דורך דעם, וואָס ער וועט די עמיגראַציע טאַקי רעגולירען, אָבער נור אַזוי זי רעגולירען, אַז די גאַנצע רעגולירונג זאָל טויגען אויף כּפּרות. ווייל די עמיגראַציע פֿעפֿעסטיגט יענעם נאַציאָנאַלען צוזאַמענהאַנג מיט דעם יודענטום, פֿון וועלכען דער מערבֿ'ישער נגיד חלש'ט פּטור צו ווערען, דערפֿאַר טרייבט איהם זיין קלאַסען־אינסטינקט צו שוואַכער און נישטיגער רעגולירונגס־פּאָליטיק. זיין רעגולירונגס־אינטערעס איז זעהר ענג, איהם אַרט נאָר נישט, וואָס דער עמיגראַנט האָט נעהאַט אויסצושטעהען פֿון אַנפֿאַנג רייזע, און וואָס וועט איהם בּעשערט זיין אין דער נייער היים; איהם קימערט דער עמיגראַנט נור כּל זמן דער לעצטער געפֿינט זיך אויף דער רייזע אין די דורכוואַנדערונגס־לענדער פֿון מערבֿ־אייראָפּאַ: דאָס הייסט, פֿון דעם אונגעהויערען סכום עמיגראַציאָנס־אינטערעסען בּעריהרען דעם מערבֿ־אייראָפּעאישען גביר דער עיקר די נויטען פֿון די „פּאַסאַ־זשירען", און דאָס גאַנצע איבּריגע רעגולירונגס־פּראָגראַם געהט איהם נאָר קנאַפּ אָן. אין די איינוואַנדערונגס־לענדער זענען שוין די רעגולירונגס־אינטערעסען בּיי דער יודישער בּורזשואַזיע פֿיעל בּרייטער; כּדי ניט צו דערלאָזען זיך איינצוואַרצלען דעם יודישען דלות, וואָס שרעקט מיט דעם אַנטיסעמיטיזם און מיט אַנדערע צרות, מוז מען בּעזאָרגען די איינוואַנדערער מיט שטעלעס א. ד. גל. מען מוז אַלזאָ שטיצען דעם עמיגראַנט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי ער איז שוין נעוואָרען אויס פּאַסאַזשיר. מען מוז אויך זעהען, ווי ווייט מעגליך, צו צעשייען די יודישע איינוואַנדערונג, ווייל דורך דעם, וואָס זי קאָנצענ־טרירט זיך אין איינינע גרעסערע שטעדט, ענטשטעהען נייע געטטאָ'ס, נייע נעסטען פֿון יודישע פּראַגען און פֿון אַנטיסעמיטיזם. וועלענדיג אויסמיידען דאָס אַלעס, מוז דער אַמעריקאַנער יודישער מאַגנאַט שטרעבען צו אַזאַ עמיגראַציאָנס־רעגולירונג, וועלכע זאָל אַרומנעהמען אַ בּרייטען טייל פֿון דעם רעגולירונגס־פּראָגראַם, און דערצו נאָך צונעבען אַ ספּעציעלע שטרעבונג — די וואַנדערונג צו צעזייען.

דער דאָזיגער אונטערשיעד פֿון די אינטערעסען ווייזט זיך בּולט אַרויס אין דער טעטיגקייט פֿון די עמיגראַציאָנס־חבֿרות אין פֿער־שיעדענע לענדער. בּשעת די „קאָמיטעטען" אין מערבֿ־אייראָפּאַ האָבען אין זינען נור דעם עמיגראַנט אַלס פּאַסאַזשיר און בּעגרענצען זיך

מיט דעם, וואָס זיי נעבען איהם עטוואָס צו שטייער ־אויפ'ן בילעט אָדער זיי בעזאָרגען אַ געוויסען שוץ פֿאַר די יודישע פּאַסאַזשירען (אַז אָך און וועה צו דעם „שוץ !) — שטעלען זיך די רוסלענדישע עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפֿטען, ווי די „יק״אָ״ און „יט״אָ״. פֿיעל בריי‌טערע אין פֿיעל ערנסטערע אויפֿגאַבען. קוקט דורך, אַנ׳ערך, די טאַגעסאָרדנונג פֿון דעם ליבויער צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער „יק״אָ״, און איהר וועט גלייך זעהען, אַז זי שטרעבט צו פֿערווירקליכען אַ בעדייטענדען טייל פֿון דעם דירעקטען רעגולירונגס-פּראָגראַם, זי דעקט צו בעזאָרגען ניט נור „פּאַסאַזשירען״, נאָר אויך עמיגראַנטען בכלל און אפילו נאָך בריי‌טערע אינטערעסען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער עמיגראַציע: די טאַגעסאָרדנונג רעדט אפילו פֿון „אָבציהען די עמיגראַנטען פֿון איבערפֿולטע צענטרען״. נאַטירליך, אַלס געטרייע און לאָיאַלע רוסישע פּאַטריאָטען, אָרדנעט מען איין דעם צוזאַמענפֿאָהר אין ליבוי, און מען טראַכט צו אונטערשטיצען די פֿאָטערלענדישע (ליבויער) שיפֿפֿאַהרט.

אַלוועלטליכע פֿי-לאַנטראָפּישע רע-גולירונגס - טעטיג-קייט.

ווי די גאַנצע כלל-ישׂראל-טעטיגקייט פֿון די יודישע קאַפּיטאַליסטען, אַזוי טראָגט אויך זייער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג אַ פֿילאַנטראָפּישען חאַ-ראַקטער, און ווידער טאַקי ניט דעריבער, ווייל דאָס איז אַ אינטערעסען-לאָזע פּאָליטיק, נאָר ווייל די אינטערעסען אַליין זענען צו שוואַך און קענען ניט גורם זיין צו אַנ׳עכט-פּאָליטישער טעטיגקייט. אויך דאָ סטאַרען זיך די צדקה-חברות און קאָנקורירען צווישען זיך ניט פֿאַר עולם הבא נאָר טאַקי פֿאַר עולם הזה, אָבער דער טרייבענדער אינטערעס איז אַזוי בלאַס און אַזוי בלוט-אָרים, אַז ער זעהט אויס ווי פּשוט׳ע גלייכגילטיגקייט, און דעריבער ווי פֿילאַנ-טראָפּיע. וואָס פֿעסטער עס איז אָבער דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענהאַנג (דורך טראַדיציע, דורך די ווירטשאַפֿטליכע לאַגע און אַנטיסעמיטיזם) צווי-שען דעם יודישען קאַפּיטאַל מיט דער יודישער מאַסע, אויף אַזוי פֿיעל ערנסטער איז דער רעגולירונגס-אינטערעס, און אויף אַזוי ווייניגער לאָזט זיך פֿיהלען פֿילאַנטראָפּישע גלייכגילטיגקייט אין דער רעגולירונגס-אַרבייט. ווידער טאַקי איז דער ריין-פֿילאַנטראָפּישער שטאַרקער ביי די מערב-אייראָפּעאישע פּני ווי ביי די רוסלענדישע און אַמעריקאַנישע. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף אָט די פֿערשידענהייטען, לאָזען זיך דיזע אינטערעסען לייכט האַרמאָניש קאָאָרדינירען, און די רעגולירונגס-

טעטיגקייט פון דער יודישער גרויס-בורזשואזיע, פון די רייכע קהלות מיט די „רייכע מוהמעס" פון דער גאנצער וועלט קען זיך צונויפבינדען צו איין אלוועלטליכע „פילאנטראפישע" וואנדערונגס-רעגולירונג. ווען איין און דיזעלבע אלוועלטליכע רעגולירונגס-ארגאניזאציע זאל זיך שטעלען דעם צוועק — אי צו ערלייכטערן די עמיגראציע פון רוסלאנד, גאליציען, רומעניען אי ניט לאזען די וואנדערער זיך אפ-צושטעלען און בעזעצען אויפ'ן וועג אין די גרעסערע צענטרען פון מערב-אייראפא, נאר שטופען זיי ווייטער איבער'ן ים, אי ניט צולאזען די אנזאמלונג פון נייע יודישע מאסען אין די איבערפולטע געטא'ס פון אמעריקא — וואלט זי צופריעדען געשטעלט די וואונשען פון די כל'ערליי טיילען פון דער יודישער גרויס-בורזשואזיע אין אלע לענדער. און גלייכצייטיג וואלט אזא רעגולירונגס-ארגאניזאציע ערפילט א היבשען טייל פון דעם דירעקטען רעגולירונגס-פראגראם, בעזארגט די ברענענדסטע בעדערפנישען פון אלע בעשטאנדטיילען פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע. א פרוב פון אזא אלוועלטליכער עמיגראציאנס-רעגולירונג שטעלט מיט זיך פאר די „יט"א", נאר איהר ארבייט האט זיך בעזהער בעשרענקט מיט איין גאלוועסטאנישער איינוואנדערונג און האט אונמיטעלבאר געדיענט נור דעם וואונש פון די אמעריקאנער יודישע מיליאנערען — צו צעזייען די עמיגראציע. אין דער לעצטער צייט לאזען זיך בעמערקען פערזוכען צו קאארדינירען און אפילו פעראייניגען די פערשידענע, צווישען זיך קאנקורירענדע עמיגראציאנס-חברות צו איין אלוועלטליכער פילאנטראפישער רעגולירונגס-טעטיגקייט. די דאזיגע פערזוכען פערבינדען זיך לע"ע מיט דער אגיטאציע פאר אנ'„עמיגראציאנס-קאנגרעס". מיר מיינען אבער, אז יעצט איז נאך ניט געקומען די צייט פאר אזא אלוועלטליכער פעראייניגונג, אין איינפאך דערפאר, וואס די יודישע גרויס-בורזשואזיע איז דערווייל נאך צו גלייכגילטיג צו דער עמיגראציאנס-פראגע, צו שוואך אין איהר פעראינטערעסירט. הגם דיזער אינטערעס איז ביי די מזרח-אייראפעאישע פני פיעל ערנסטער און ערהליכער, ווי ביי זייערע מערב-אייראפעאישע „גלויבענסגענאסען", דאך זענען זיי אלע אייניג אין דעם בעוואוסטזיין, אדער וועניגסטענס אין דעם געפיהל, דאס די עמיגראציע איז א סטיכייאישער פראצעס, וועלכען צו בעהערשען פאדערט זיך אזוי פיעל געלד און מיה, אז עס לוינט אפשר גאר ניט דער גאנצער עסק. דער

אינטערעס איז דאָ; אָבער די אויפגאַבע איז פאַר אָט דעם אינטערעס צו בריט און צו שווער. און כדי די ברייטקייט פון דער אויפגאַבע זאָל אויפהערען אָבצושרעקען דיזע לייט מוז זייער אינטערעס צו דער עמיגראציאָנס-פראַגע מעהר אויסוואַקסען, עס מוז רייפער ווערען זייער אונצופרידענהייט מיט דעם יעצטיגען צושטאַנד פון דער יודישער וואַנדערונג, עס מוז זיך פערפעסטיגען און פערטיעפען זייער נאַציאָנאַלער צוזאַמענהאַנג מיט דעם יודישען פאָלק.

די נאַציאָנאַלע אָר-גאַניזאציע צוליעב דער רעגולירונג פון דער יודישער עמי-גראציע.

מיר זעהען, אַז די פרייע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע צו רעגולירען די יודישע וואַנדערונג קען נישט געבויט ווערען אויף ריין דעמאָקראַטישע יסודות, און אויך נישט אויף ריין פילאַנטראָפי-שע. צוליעב דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג איז ביי אונז נויטיג די ערפאַהרונג, איינפלוס און קאַפּיטאַל (אָדער קרע-דיט), וועלכע פעהלען לגמרי ביי דער יודישער דעמאָקראַטיע, און וועלען איהר אויך תמיד פעהלען, ווי אָרגאַניזירט, ווי סאָלידאַריש און קרעפטיג זי זאָל נישט ווערען מיט דער צייט; פון דער צווייטער זייט אָבער פאָדערט די עמיגראַציאָנס-רעגולירונג טיעפע און ברייטע פער-אינטערעסירטהייט אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, הייסע בעגייסטערונג און איבערגעבענהייט, אָפּפער-ווילינקייט, וועלכע פעהלען לגמרי ביי דער יודישער פילאַנטראָפיע, און וועלען איהר פעהלען שטענדיג, ווי נאַציאָנאַליזירט, ווי ערנסט זי זאָל נישט ווערען מיט דער צייט. ווי געהט מען אַרויס פון אָט דעם פער'כשופ'טען קרייז? ווי שאַפט מען אָב די דאָזיגע איינזייטיגקייט פון דער פילאַנטראָפיע און פון דער דעמאָקראַטיע? אויף דיזער פראַגע איז מעגליך נאָר איין ממשות'די-גער ענפער, און איהם האָבען געגעבען ה' בערטאָלדי מיט זיינע פריינד (און דאָס איז טאַקי איינער פון זייערע גרעסטע פערדיענס-טען): דאָס איז דער געדאַנק מכח פער-איינינגען און געגענזייטיג ערגענצען די קרעפ-טען און די מעלות פון דער פילאַנטראָפיע מיט דער דעמאָקראַטיע. דאָס הייסט שאַפען נישט קיין „דעמאָ-קראַטישע", ווי די ס"ס-רופען דאָס אָן, נאָר אַ נאַציאָנאַלע עמי-גראַציאָנס-פּאָליטיק, דורך אַ נאַציאָנאַלע רעגוליר-רונגס-אָרגאַניזאַציע. עס איז נויטיג, אַז די דעמאָקראַטיע זאָל אין דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג צוזאַמען מיט דער

פּילאַנטראָפּיע. און נאַטירליך קען אזא מין מיט-ארבייט נישט זיין דעמאָקראַטיש, ווייל די פּילאַנטראָפּיע, וועלכע האָט אין איהר רשות די נויטיגע אָביעקטיווע קרעפטען פון דער רעגוליע־רונג, דעם איינפלוס און דאָס געלד, וועט תמיד בעזיצען די אויבערהאַנד איבער דער דע-מאָקראַטיע. נאָר מענשען, וועלכע בעטויבען זיך און צוטומלען דעם עולם מיט שרייענדע פראַזען, מענשען, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געפּרובט אריינטראַכטען זיך אין דעם, וואָס זיי רעדען, קענען דאָ איינזעהען אַ „דעמאָקראַטישע" עמיגראַציאָנס-רעגולירונג.

אָט ווי עס רעדט אַן אָפּטימיסטישער אוטאָפּיסט, וועמעס מח איז בעהערשט פון דעם, וואָס ער מאַלט זיך אויס אַלס שעהן און נעהויבען, און האָט דעראיבער פערלוירען יעדען ווירקליכקייטס-געפיהל: „אָט האָבען מיר די פּעטערבורגער געזעלשאַפט, אָט האָבען מיר די יט"א און אפילו די יק"א... ווער זאָגט אונז, אַז זיי וועלען זיך אַרויס-זאָגען נעמען אַ עפענטליכען קאָנטראָל?... ווער זאָגט אונז, אַז די קיעווער עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפט וועט זיין געגען דעמאָקראַטיזם, געגען אַ פּאַקטישען קאָנטראָל און אַ פּאַקטישען איינפלוס פון דער יודישער עפענטליכקייט איבער איהר אַרבייט?" („פריינד", 1910, נומר 162, בערטאָלדי: „דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג" IV) ווען ה' בערטאָלדי וואָלט זיין אַ ברעקעל קאָנסעקווענטער, וואָלט ער אונז דאַרפען איינרעדען, אַז אָט די אַלע פּילאַנט־אָפּישע געזעלשאַפ-טען וועלען נישט נאָר צולאָזען אַ קאָנטראָל איבער זיך, נאָך מעהר זיי וועלען זיך בעטען רחמים — קומט און קאָנטראָלירט אונז!... דער פּעסימיסט דענקט אויך נישט מעהר רעאַליסטיש. אַזוי טענה'ן ה' א ליטוואַק און ה' פּ. ליבמאַן אין איין קול, אַז „די יודישע דעמאָ-קראַטיע האָט נישט קיין שום מיטלען, נישט קיין פּאָליטישע און נישט קיין עקאָנאָמישע, צו ווירקען אויף די שיף'ס מיט די ראָט-שילד'ס. פאַר דער יודישער געזעלשאַפטליכער מיינונג ווערען די דאָ-זיגע געלד-זעק נעוהים נישט נתפעל"...*) אַ מענש האָט קיין מאָל נישט געזעהען קיין איין פּערזוך מצד דער דעמאָקראַטיע צו ווירקען אויף די פּילאַנט־אָפּישע גדולים, און ביי איהם איז רעכט אַ זאָג צו טהון, אַז „מיר האָבען קיין שום מיטלען נישט", אַז די גע-

*) א. ליטוואק אין „צייט פראגען" נומר 1, ז. 78; ראסזעלבע פ. ליעב-מאן אין „צייט פראגען" נומר 2, ז. 70.

וועלשאַפֿטליכע מיינונג קען נישט האָבען קיין שום שליטה איבער אונזערע חברה-לייט. קענטיג אז אונזערע „סאָציאַל דעמאָקראַטען" האַלטען נישט בעזונדערס שטאַרק פֿון יודישער דעמאָקראַטיע... און אין דער־זעלבער צייט איז עס רעכט ביי ה' ליטוואַק צו שמועסען מכח דעם „מ אָ ר אַ ל י ש ע ן (!) וועקסעל", וועלכען „אונזערע פּאָלקס-מאַסען וועלען שוין וויסען, ווי אויפֿצומאָהנען" פֿון די קאָוונער יעדעל-פּיהרער, און דערזעלבער ה' ליטוואַק ווערט אָקאָרשט נישט נתפעל פֿון דער וואונדערמאַכט פֿון דעם דאָזיגען „מאָראַלישען וועקסעל"... איבריג קאָנסעקווענט איז ה' ליטוואַק, אַדאַנק דעם רבש"ע, נישט, און איהם פֿאַלט גאָר נישט איין, אַז אויב מען קען „מאָראַליש" „דריקען אויף די פּיהרער פֿון דער קהלה" אין רוסלאַנד, קען מען שוין, דורך די רוסלענדישע פּני, דריקען אויך אויף זייערע מערב'ישע גוטע פֿריינד, אויף די שיף'ס מיט די ראָטשילד'ס. ה' ליטוואַק מיט זיינע פֿריינד האָבען נישט קיין בעגריף וועגען דעם נאַציאָנאַלען אינטערעסען-צוזאַמענהאַנג פֿון דעם יודישען גרויס קאַפּיטאַל מיט דעם יודישען פֿאָלק. דער דאָזיגער צוזאַמענהאַנג איז טאַקי זעהר שוואַך, אָבער ער עקזיסטירט פֿאָרט, און דאָרט, וואו עס זענען פֿאַראַן אינטערעסען, ווי שוואַך זיי זאָלען נישט זיין, איז אויך מעגליך צו דריקען אויף די דאָזיגע אינטערעסען.

ווי מיר האָבען ביזאהער געזעהען, זענען דיזע אינטערעסען ביי די יודישע גבירים נישט גלייך אינטענסיוו; יענע טיילען פֿון דער גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע זענען מעהר נאַציאָנעל לויט זייערע אינטערעסען, לאָזען זיך לייכטער בעאיינפֿלוסען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג, איידער די מעהר אַסימילירטע, מעהר אָבגעריסענע טיילען; און דורך די מעהר פּעראינטערעסירטע קען מען שוין ווירקען אויף די ווענינער פּעראינטערעסירטע, אַזוי אַז סוף כל סוף, ווען נאָר די יודישע געזעלשאַפֿטליכע מיינונג וואָלט זיין גוט אָרגאַניזירט, וואָלט זי קענען צווינגען אונזערע פּני צו רעכנען זיך מיט איהר. געוויס, הייסט דאָס נישט, אַז די „דעמאָקראַטיזאַציע" וועט זיך אונז איינגעבען אַזוי לייכט, ווי עס חלומ'ט זיך אַ ה' בערטאָלדי, אָבער די לאַגע איז אויך נישט אַזוי בימער, ווי עס קומט אויס לויט ה' ליטוואַק, און עס איז גאָר נישט ריכטיג, אַז ווען נישט די קמיעה פֿון „מאָראַלישע וועקסלען", בלייבען מיר שוין גאָר אויסגעשטעלט..

ווירקען אויף דער פֿילאַנטראָפּיע, דערשלאָגען זיך צו אַ קאָנטראָלע

און צו אַן׳איינפֿלוס איבער דער עמיגראַציאָנס-רעגוליערונג וועט די דעמאָקראַטיע קענען, ווען זי וועט זיין גענוג שטאַרק אָרגאַניזירט און ווען דער נאַציאָנאַלער אינטערעסען-צוזאַמענהאַנג פֿון דער יודישער גרויס-בורזשואַזיע מיט דעם פֿאָלק וועט זיך אַזוי ווייט פֿערשטאַרקען, אַז ער זאָל זיין בכח צו צווינגען די ערשטע זיך צוהערען צו דער שטים פֿון פֿאָלק. און דאָס וועט טאַקי קומען מיט דער צייט. די אַלץ שטייגענדע פֿערשאַרפֿונג פֿון דער יודען-פֿראַגע און פֿון דעם יודען-האַס מצד דער קליין-בורזשואַזיע און דער רעגיערונג אין אַלע לענדער, ווי אויך די שטענדיגע יודישע וואַנדערונג וועלען אַלץ טיעפֿער פֿערבינדען די יודישע קאַפּיטאַליסטען מיט זייער נאַציאָן, דער קאַפּיטאַל וועט זיך נאַציאָנאַליזירען, זיין יודישע כלל-טהעטיגקייט וועט דעריבער מוזען אננעהמען אַלץ מעהר אַן׳ערנסטערען פּאָליטישען און נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. אויב אפילו די יודישע גרויס-בורזשואַזיע וועט טאַקי אין גלות קיין מאָל נישט ווערען אַזוי ענג פֿערבונדען מיט איהר פֿאָלק, ווי מיר זעהען דאָס ביי אַנדערע, טעריטאָריאַלע פֿעלקער, דאָך וועט די בעציהונג נאָרמאַלער ווערען. שוין יעצט זעהען מיר, ווי גרויסע יודישע בעל-צדקות הויבען אָן זאָגאַר אין די מערב-לענדער, מנדב זיין נישט אויף פֿילאַנטראָפּישע, נאָר אויף נאַציאָנאַלע צוועקען: עס טרעפֿט זיך שוין פֿון צייט צו צייט, אַז אַ גביר שפּענדעט, אַנשטאַט אַ שול אָדער אַ שפּיטאָל, אויף נאַציאָנאַל-פֿאָנד, אויף אַ יודישען גימנאַזיום אין פּאַלעסטינא, אויף אַ יודיש-נאַציאָנאַלען וואַהל-פֿאָנד. עס לאָזען זיך שוין ווען נישט ווען מערקען נאָך בולטערע סימנים פֿון נאַציאָנאַלער שטימונג, ווי צ. ב. איינִיגע קאַפּיטאַליסטען אין עסטרייך (לוסיען ברונער א. אַנד.), וואָס טרעטען אַרויס עפֿענטליך פֿאַר די רעכט פֿון דער יודישער שפּראַך, פֿאַר „מאַמע לשון". און די קליינע סימנים ברענגען אונז די ידיעה פֿון דער ווייטערער צוקונפֿט, ווען די יודישע פֿילאַנטראָפּיע וועט זיך אַלץ מעהר און מעהר „דעפֿילאַנטראָפּיזירען".

נאָך שנעלער פֿאַר דיזער דעפֿילאַנטראָפּיזאַציע פֿון דער יודישער פֿילאַנטראָפּיע וועט געהען די נאַציאָנאַליזירונג פֿון אַלע אַנדערע שיכטען פֿון יודישען פֿאָלק, די פֿערפֿעסטיגונג פֿון די דעמאָקראַטישע און ספּעציעל אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס, און די מאַסען וועלען בעקומען אַלץ מעהר מאַכט צו ווירקען אויף דער יודישע פֿילאַנטראָפּיע, צו נאַציאָנאַליזירען די צדקה גדולה. ווען נישט די

„דעמאָקראַטישע“, איז דאָך די נאַציאָנאַלע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק, וועלכע וועט פעראייניגען די מעלות פון דער פילאַנטראָפּיע (ערפאַהרונג, איינפלוס און קאַפּיטאַל) מיט די מעלות פון דער דעמאָקראַטיע (היימער אינטערעס, ליעבע, בעגייסטערונג), נישט קיין טרוים, נישט קיין בלאָף, נאָר אַ היסטאָרישע זאַך, וועלכע מוז קומען מיט דער צייט, און וועלכע מען מוז שוין יעצט אָנהויבען פאָרצובערייטען.

די אויפגאַבען און וועגען פון אַ נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס פּאָליטיק.

די איניציאַטיווע צו אַזאַ פערבינדונג פון דער יודישער פילאַנטראָפּיע מיט דער דעמאָקראַטיע קען נישט אַרויסגעהען פון דער פילאַנטראָפּיע. די לעצטע קען זיך אַליין בעשטעהען אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע, ווי אין אַלע אַנדערע, און אַליין וועלען די גבירים קיין מאָל נישט פאַלען אויף דעם געדאַנק, צו דערנעהענטערען זיך מיט די מאַסען. נאָר פערקעהרט, זיי וועלען זיך נאָך לאַנג בעקלערען און איינשפּאַרען, ביז וואַנען דער דעמאָקראַטיע וועט זיך איינגעבען צו נושא חן זיין אין די אויגען פון די גדולים בישׂראל. די דערנעהנטערונג וועט אויך נישט זיין קיין פאָלקאָמע, ווייל שליעסען שלום וועלען ביידע צדדים קיין מאָל נישט קענען. אַלזאָ מוזען מיר זיך דיעזע צוזאַמענאַרבייט פאָרשטעלען ניכער ווי אַ שטענדיגען קאַמפּף, איידער ווי אַ פריעדליכע קאָאָרדינירונג. כל זמן אָבער די דעמאָקראַטיע איז נישט אימשטאַנד צו צווינגען די בעל צדקות נוטה צו זיין צו דער געמיינזאַמער אַרבייט, וועט די לעצטע נישט צו שטאַנד קומען; נאָר דורך אונאונטערבראָכענעם דראַנג, נאָר דורך אָנגעשטרענגטען קאַמפּף וועט די וואַקסענדע דעמאָקראַטיע בעווייזען צו מנצח זיין די גלייכגילטיגקייט פון דער פילאַנטראָפּיע, איהר העזה און עקשנות. צו דעם איז אַלזאָ נויטיג אַ ברייטע און אינטענסיווע פאָלקס-בעוועגונג, וועלכע זאָל אַרומהאַפּען אַלע שיכטען פון דעם פאָלק און גרייט זיין אויסצושטעהען האַרבע מלחמות מיט די איינגע'עקשנ'טע פילאַנטראָפּען. מיט גוטען וועט מען ביי זיי נישט אויסנעהמען, נאָר דורך אַ פאָלקס-בעוועגונג, וועלכע זאָל זיך שטעלען דעם צוועק צו דערגרייכען אַ פערנינפטיגע עמיגראַציאָנס-רעגוליערונג און צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע רעגוליערונגס-אָרגאַניזאַציע. נאָר פון אַזאַ בעוועגונג, און נישט פון פּובליציסטישע שמועסען מיט דיפּלאָמאַטישע הינטערגענג, קען שטאַמען אַנ'ערפאָלגרייכע איניציאַטיוו צו דער שאַפונג פון אַזאַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. דער איינציגער מיטעל

פֿון אַזאַ פֿאָלקס-בעוועגונג וועט זיין די ערשטע צייט נישט דער אי-נערליכער, דיפּלאָמאַטישער דראַנג אויף די צדקה-חברות, נאָר דער דראַנג פֿון אויסען, דורך ברייטע מאַניפֿעסטאַציעס און קאַמפּף, דורך דעם איינפֿלוס פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג, דורך עפֿענטליכען באָיקאָט און פּראָטעסטען געגען די איינגעשפּאַרטע כלל-טהוער.

דאָ קומען אָבער די „ניכטע־נע“ פּובליציסטען פֿון פֿילאַנטראָ-פּישען לאַגער, זאָל זיין מצד פֿון די „סאָציאַל-דעמאָקראַטישע“ פֿילאַנטראָפּען, און טענה׳ן, אַז אַזאַ מין פֿאָלקס-בעוועגונג איז לגמרי אונמעגליך, ה׳ ו. מעדעם אַרגומענטירט, אַז א פֿאָלקס-בעוועגונג איז אונמעגליך. אָהן אַ ווייטען פּרינציפּיעלען צוועק, א פֿאָלקס-בעוועגונג נויטיגט זיך אין פּערספּעקטיוועז, און הות די עמיגראַציאָנס-רעגוליערונג איז נישט מעהר, ווי אַ פּאַליאַטיוו און זי עפֿענט נישט קיינע ווייטע נאַצאָנאַלע אויסזיכטען, איז ממילא ניטאָ וואָס צו רעדען מכח א פֿאָלקס-בעוועגונג. אַ ניכטערנער מענש איז ה׳ ו. מעדעם! און אַ הייסער ליבהאַבער פֿון צדקה... אין אַ „איינזאַמען טעט-א-טעט (tête-à-tête)“ מיט די ס״ס וויל ער פֿאַר קיינע גליקען נישט; ער וויל נישט אַנדערש, ווי זיצען ביי איין טיש מיט די פֿילאַנטראָפּען, מיט די „רעעלע מענשען“, און נישט מיט דעמאָקראַטישע יונגלעך. בכבוד׳יגע, חשוב׳ע בעל צדקות — גאָר פֿאַר זיי האָט ער אָבשיי... אָבער ער פֿערגעסט, אַז ברייטע פֿאָלקס-בעוועגונגען ענטשטעהען אין דער געשיכ-טע א־ום גאַנץ קנאַפּע צוועקען מיט גאָר שמאָלע אויסזיכטען; ער פֿערגעסט הפּנים פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער בעוועגונג, וועלכע האָט אין מערב-אייראָפּאַ טאַקי נעליטען א גרויסע מפּלה, ווען זי האָט זיך געשטעלט ווייטע אוטאָפּיסטישע אויפֿגאַבען, און איז, פֿערקעהרט, אויסגעוואַכסען צו א פּרעכטיגער וואונדערבאַרער פֿאָלקס-אָרגאַניזאַציע באַלד ווי זי האָט זיך געשטעלט אויף דעם רעעלען פּראַקטישען באָדען. ווידער מיינט ער מן הסתם, אַז יעדע פֿאָלקס-בעוועגונג מוז אָננעהמען א געשטאַלט פֿון אַ געשלאָסענער פּאַרטיי; אַ בעוועגונג אָהן א פּאַרטיי. אַ בעוועגונג פֿין פֿערשידענע פּאַרטייען, וועלכע קעמפּפֿען פֿאַר אַ געמיינזאַמע זאַך, — דאָס קען נישט פֿערטראָגען זיין פּאַרטיי-פּאַטריאָטישע נשמה. ער מיינט אַ בעוועגונג צוליעב אַריינטראָגען אַ ביסעל נחמה אין דעם עמיגראַנט׳ס שווערען גורל; יאָ, אַזאַ בעוועגונג איז אונמעגליך, ווייל דאָס פֿאָלק האַנדעלט קיין מאָל ניט פֿילאַנטראָפּיש. אָבער די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע

הײסט װײט-װײַט מעהר, אײדער די באַרמהערציגע פֿערזאָרגונג פֿון שיפֿס-קאַרטען און באַנאַוש פֿאַר אומגליקליכע װאַנדרער. ה׳ װ. מע-דעם האָט טאַקי אַ גוט האַרץ, פֿיל מיט רחמנות צו די לײדענדע עמיגראַנטען, אָבער דעם תּוך פֿון עמיגראַציאָנס-רעגולירונג פֿערשטעהט ער נישט בעסער, װי דעם תּוך פֿון אַ פֿאָלקס-בעװעגונג. די עמיגראַ-ציאָנס-רעגולירונג פֿערענטפֿערט אַ גרױסעס פֿאָלקס-פּראָבלעם, זאָל זײַן האָטש מיט פּאַליאַטיװען; דערפֿאַר איז אַרום דער עמיגראַציע מעגליך אַ פֿאָלקס-בעװעגונג, און אַ ברײטע פֿאָלקס-בעװעגונג, װאו עס װעלען זיך בעטײליגען פֿערשידענע פּאַרטײען און אָרגאַניזאַציעס גלײכצײטיג.

IV דער אַלװעלטליכער יודישער עמיגראַציאָנס קאָנגרעס.

די יעצטיגע אויפ-גאבען פֿין דער יודי-שער דעמאקראטיע אין דער עמיגרא-ציאָנס-פּאָליטיק.

מיר האָבען געזעהען, פֿון װאָס עס לײדעט בײ אונז די איצטיגע עמיגראַציאָנס-רעגולירונג, פֿאַר װאָס זי טראָגט אַ פֿילאַנטראָפּישען, און ניט קײן נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, פֿאַר װאָס זי װערט גע-פֿיהרט אַזױ שװאַך, אַזױ צעװאָרפֿען. די סבּה איז — די ניטאָרגאַניזירטהײט פֿון דער יודישער דע-מאָקראַטיע און די גלײכגילטיגקײט פֿון דער יודי-שער פֿילאַנטראָפּיע צו דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע. מיר האָבען אויך דערפֿון אַרױסגענומען, אַז כּדי צו שאַפֿען אַ נאַציאָנאַלע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע זענען נויטיג צװײ תּנאים: די פֿעסטע אָרגאַניזירונג פֿון דער יודישער דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַליזירונג פֿון אונזער גרױס-בורזשואַזיע; בײ דיזע בעדינגונגען װעט די דעמאָ-קראַטיע ערשט פֿערמאָגען די מאַכט צו צװינגען די בעל צדקות צו רעכענען זיך מיט איהר און צוצולאָזען זי צו אַ װירקליכער קאָנטראָלע איבער די עמיגראַציאָנס-אַרבײט. װי מיר װײסען, װעט די פֿילאַנטראָפּיע ניט קענען און בשום אופן ניט װעלען נעהמען אויף זיך די איניציאַטיװ פֿון קאָאָרדינאַציע מיט דער דע-מאָקראַטיע. די דאָזיגע איניציאַטיװ מוז שטאַמען פֿון אַ ברײטער פֿאָלקס-בעװעגונג, אין װעלכער עס דאַרפֿען זיך בעטײליגען אַלע יודישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטײען און אַנדערע דע-מאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. פֿרעגט זיך אַלזאָ אַ קשיא: פֿון װאַנען זאָל מען יעצט אָנהױבען? װאָס זאָל יעצט אונטערנעהמען די יודישע

דעמאָקראַטיע? פון אונזערע אויספיהרונגען איז שוין קלאָהר, אז די נאָהנטסטע אויפגאַבע פון אונזער דעמאָקראַטיע אין דעם איצטיגען מאָמענט איז — אָרגאַניזירען זיך אַליין, פעראייניגען אָדער לכל הפחות דערנעהנטערן און קאָאָרדינירען אַלע דעמאָקראַטישע און קודם כל פּראָלעטאַרישע קרעפטען אין אונזער פאָלק, כדי צווישען פיעלע אַנדערע געמיינזאַמע אַרבייטען אויך אויפהויבען אַ ברייטע פאָלקס-בעוועגונג צוליעב דער נאַציאָנאַלער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג. אַזאַ בעוועגונג וועט מיט דער צייט צווינגען די פילאַנטראָפּיע אָבצוטרעטען פון איהרע פער׳עקשנ׳טע ביוראָקראַטישע נעגנ און צו שאַפען צוזאַמען מיט דער דעמאָקראַטיע אַ נאַציאָנאַלע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער איינציגער וועג פון אַ ווירקליך דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק.

דער דיפּלאָמאַטישער וועג פון דער עמיגראציאנס-פּאָליטיק.

ליידער אָבער האָט מען אין דער ווירקליכקייט אויסגעקליבען נאָר אַנ׳אַנדערן וועג, דורך וועלכען מען האָפט צו פעראייניגען די פילאַנטראָפּיע מיט דער דעמאָקראַטיע צוליעב געמיינזאַמער עמיגראַציאָנס-טעטיגקייט. דאָס איז דער וועג פון דעם „אַלוועלטליכען עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס“, וועגען וועלכען מען טומעלט אין דער יודישער פּרעסע שוין זייט צוויי יאָהר. דאָ הויבט מען אָן ניט פון אָרגאַניזירען די דעמאָקראַטיע, נאָר מיט אַמאָל טאַקי פון פעראייניגען ביידע צדדים, און פעראייניגען וויל מען ניט דורך אָפענעם עהרליכען קאַמפף, נאָר דורך דיפּלאָמאַטישע המצאות. און אַזוי ווי לע״ע איז נאָך אונזער פילאַנטראָפּיע אַליין דעזאָרגאַניזירט און צוטיילט אויף קאָנקורירענדע חברות, וויל מען גלייכצייטיג מיט איין שלאָג דערגרייכען אויך אַ צווייטען צוועק: צונויפפיהרען און פעראייניגען דיזע חברות, ד. ה. אָרגאַניזירען די פילאַנטראָפּען נופא. אונזערע עמיגראַציאָנס-פּובליציסטען רעדען איין דעם עולם, אַז נאָר אַזוי וועט מען דערגרייכען אַ „דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק“. ווען מיר וועלען זיך ניט לאָזען בעטויבען פון דעם געפילדער, וואָס מען האָט אויפגעהויבען אין דער פּרעסע, וועט אונז קלאָר זיין אַ גאַנצע סדרה סתירות, וואָס שטעקען אין דעם גאַנצען פּלאַן.

קודם כל מוז אַ פערניגפטיגע רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע פער־איינינגען די מ ע ל ו ת, ווי פון דער דעמאָקראַטיע, אַזוי אויך פון דער פילאַנטראָפּיע: פון דער ערשטער מוז זי נעהמען איהר הייסע פער-

אינטערעסירהייט און בעגייסטערונג, פון דער צווייטער — ערפאהרונג, איינפלוס און קאפּיטאלען. דאָ וויל מען אָבער נאָר פעראייניגען די ח ס ר ו נ ו ת פון ביידע. מען וויל די גלייכגילטיגקייט פון דער איצ-טיגער פילאנטראָפּיע ערגענצען דורך די דעזאָרגאניזירטהייט פון דער איצטיגער דעמאָקראַטיע. און צו דיזעם משונה'דיגען געדאנק קומט נאָך צו אַ פאָלקאָמעם איגנאָרירען פון דער פילאנטראָפּישער פּסי-כאָלאָגיע; כדי אָ ה ן ק א מ פ ף צו דערשלאָגען זיך פאַר דער דעמאָ-קראַטיע אַ ווירקליכען איינפלוס אין די עמיגראַציאָנס-ענינים, מוז מען פאָראויסועצען איינס פון די צוויי: אדער אונזערע בעל-צדקות זענען שוין לכתחלה אזוי דעמאָקראַטיש געשטימט, זיי זאָלען פרייוויליג דערלאָזען אַנ'עפּענטליכען קאָנטראָל איבער זייער ארבייט, אָדער זיי זענען אזוי פיעל נאאיוו און אזוי נאריש תקיף ביי זיך, אז זיי וואָלען נאָר ניט בעמערקען ווי מען נארט זיי אריין דיפּלאָמאַטיש אין זאק און ווי מען גיט אָב דער דעמאָקראַט'ע די שליטה איבער זייער אר-בייט. נור אַ מענש, מיט אזאַ „שעפּפערישער" פאַנטאַזיע ווי אַנ'ערך העררבערטאָלדי, קען גלויבען אין דיזע צוויי זאַכען. דעם גאַנצען פּלאַן וויל מען דורכפיהרען גראָד יעצט, ווען אונזער דעמאָקראַטיע איז אַבסאָלוט דעזאָרגאניזירט, ווען מיט איהר רעכענט מען זיך אין אונזערע יודישע „הויכע פענסטער" נאָך ווייניגער, ווי אין די אמאָליגע יאהרען.

איין אלגעמיינעם כלל מוז מען נעדענקען אין דער גאַנצער פראַגע: אין דער עמיגראַציאָנס-רעגוליערונג איז די פילאנטראָפּיע דער אם ווענינסטען פעראינטערעסירטער צד און גלייכצייטיג פערמאָגט זי די גרעסטע נויטיגע קרעפטען צוליעב דער רעגולירונגס-טעטיגקייט. די דעמאָקראַטיע איז, פאַרקעהרט, דער פעראינטערעסירטער צד. איז דען ניט קלאָר, אז דער שוואַכער מוז אָבהענגען פון דעם שטארקען און דער מעהר פעראינטערעסירטער פון דעם מעהר אינדיפערענטען.

דאָס איז אָבער ניט קלאָר פאַר איינינע עמיגראַציאָנס-פּובלי-ציסטען. פון אונזער דעזאָרגאניזירטער דעמאָקראַטיע קען ממילא ניט שטאמען די איניציאַטיוו פון צונויפרופען דעם עמיגראַצי'אָנס-קאָנגרעס; די איניציאַטיוו געהערט טאקע נאָ־ ניט ועלכער ניט איז פּאָליטישער פּארטיי, נאָר פּשוט איינצעלנע י ח י ד י ם. זיי, די פּאָר יחידים, שטע-לען זיך דעם צוועק — מנצה צו זיין דעם אינדיפערענטיזם פון די גראָבע קעשענעס, צונויפצופיהרען די שיריים פון דער דעמאקראַטיע

מיט די שטאָלצע „ר׳ײַכע מוהמעס“, און קודם כל — די „מוהמעס“ מיט די „פֿעטערס“ צווישען זיך צונויפֿצופֿיהרען. אָט דאָס איז דער דיפּלאָמאַטישער, — ריכטיגער נעזאָנט, שדכנ׳ישער וועג, אויף וועלכען עס האָבען זיך געשטעלט די דאָזיגע יחידים. דאָס איז, נאַטירליך, ניט די דיפּלאָמאַטיע פֿון שטאַרקייט, וועלכע שטעלט דעם צווייטען צד פֿאַר שוין פֿערווירקליכטע מעשים, פֿאַר פֿאַקטען, מיט וועלכע ער ווערט נעצוואונגען זיך צו רעכענען; ניין, דאָס איז דיפּלאָמאַטיע פֿון שוואַכקייט. דיזע יחידים האָבען עס צונויפֿנעקראַפּט דאָס וויענער איניציאַטיוו-קאָמיטעט, ווי בעמיהען זיך עס צו שאַפֿען אַ פֿאָלקס-מאַנדאַט פֿאַר די וויענער קהל׳ניקעס און אַסימילאַטאָרען. דער גאַנצער ליאַרם מכח דער „דעמאָקראַטישער עמינראַציאָנס-פּאָליטיק“ קען האָבען נור דעם פּועל יוצא, וואָס די פֿאָלקס-מאַסען וועלען דורך די שעהנע רייד פֿון ה׳ בערטאָלדי בעקומען דעם צו-טרויען צו די וויענער „פּני“ און וועלען מיינען, אַז די אַסימילאַטאָרישע פֿילאַנטראָפּען ווילען טאַקע ווירקליך בעגליקען דאָס יודישע פֿאָלק. ווען די אָהנמעכטינסטע דיפּלאָמאַטיע-טרייבערייַ פֿערהילט זיך אין אַ מאַנטעל פֿון דעמאָקראַטישער פֿראַזעאָלאָגיע, איז באמת שוין שווער זיך אויסצומאָלען נאָך אַ גרעסערע סכנה פֿאַר דער ווירקליכער דעמאָקראַטיע.

וואס קען אויפטהון דאָס וויענער „איניציאטיוו-קאמיטע“

אַ דאַנק די וואונדערבאַרע דיפּלאָמאַטישע פּע-היגקייטען פֿון אונזערע עמינראַציאָנס פּובליציסטען זיצט איצט אין ווין אַ „איניציאַטיוו-קאָמיטעט“, וועלכעס וועט, אם ירצה השם ומוהמע יק״א, צונויפֿרופֿען דעם עמיג-ראַציאָנס-קאָנגרעס. דער ברייטער עולם, אויפֿגערודערט דורך די הייסע קאָנגרעס-דרשות פֿון ה׳ בערטאָלדי מיט זיינע פֿריינד, אינטערעסירט זיך נאַטירליך צו וויסען, ווי האַלט עס מיט דעם קאָנגרעס, צי וועט ער טאַקע פֿאָרקומען, צי וועט דאָס זיין ווירקליך אַ פֿאָלקס-קאָנגרעס אָדער בלויז אַ נישטיגע קאָנפֿערענץ פֿון עטליכע „פּני“, וואָס וועלען קומען פֿערברענגען אין ווין אַ פּאָר שעהנע אָבענדען? דער יודישער המון האָט דאָס רעכט זיך צו אינטערעסירען ניט נור מיט דעם, וואָס ה׳ בערטאָלדי מאָלט זיך אוים אין זיין „שעפּפֿערישער“ פֿאַנטאַזיע וועגען דעם קאָנגרעס, נאָר אויך, וואָס דער קאָנגרעס וועט זיין אין דער ווירקליכקייט: ווייל, ווי בעוואוסט, רעכענט זיך די ווירקליכקייט גאַניץ קנאַפּ מיט דער שעפּפֿערישער פֿאַנטאַזיע און מיט איהרע שעהנע

חלומות. אָבער כּדי צו קענען זאָגען אַ דעה אין אָט די פֿראַגען, וואָלט מען דאַרפֿען גענוי וויסען די איצטיגע ראָלע געזעלשאַפֿטליכע קרעפֿטען, דעם געגעבענעם מענשליכען מאַטעריאַל, און די פֿערשידענערהייט צונויפֿגעפּלאָנטערטע אינטערעסען פֿון כּל-ערליי גרופּען, גרופּעלעך און גלאַט חשוב'ע פּערזאָנען. אין דיזער הינזיכט טרייבען די איניציאַטאָרען פֿון קאָנגרעס אַזאַ פּאָליטיק, אַז דאָס פּובליקום זאָל זיך פֿון גאָר נישט דערוויסען, ווייל דאָס קאָן הלילה „שאַדען דעם קאָנגרעס"; דעריבער ווייסען מיר ניט גענוי, ווער זענען זיינע פֿריינד און ווער זענען זיינע שונאים. אַלץ ווערט געטהון און געשפּראָכען בחדרי חדרים, הינטער די קוליסען, וואוּהין דער ניט-פֿערטרוטער טאָר ניט אַריינקוקען. נור פֿון צייט צו צייט ערשיינט עפּעס אין דער פּרעסע אַ האַלב-אָפֿיציעלער רמז, אַז דער אָדער יענער פֿון די „פּני" האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר דעם אַנטייל אין קאָנגרעס, אַז די אָדער יענע „רייכע מומע" האַלט יאָ אָדער ניט פֿון דעם שרוך. צי וועט אַזאַ מין טאַקטיק פֿיהרען ווירקליך צו „דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק", מעג מען שטאַרק צווייפֿלען. ווייל דער איינציגער וועג צו אָרגאַניזירען די דעמאָקראַטיע איז — בעקאַנט צו מאַכען דאָס פֿאָלק מיט דעם אמת. דאָ אָבער ציטערט מען פֿאַר דעם אמת, ווי פֿאַר סם המות. די רעדעל-פֿיהרער, ווי אויך דער גרעסטער טייל פֿון דער יודישער פּרעסע האַלטען זיך פֿאַר דעם פּרינציפּ: „היטען דעם קאָנגרעס", עס זאָל איהם חלילה ניט געשעהען קיין עין הרע, גלייך אַזוי, ווי ביי דער צווייטער מלוכה-דומע האָבען די קאַדעטען אַרויסגעגעבען דעם לאָזונג „היטען די דומע". איך מיין אָבער, אַז דער אמת קען דעם פֿאָלק בשום אופֿן ניט שאַדען, און האָב ניט מורא אַרויסצוזאָגען אפֿילו וועגען דעם עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס דאָס, וואָס איך האַלט פֿאַר ריכטיג.

בעטראַכטענדיג אַלע טאַטזאַכען, וואָס אָנבעלאַנגט די דיפּלאָמאַטישע טאַקטיק פֿון אונזערע עמיגראַציאָנס-פּובליציסטען, דעם טומעל וואָס זיי האָבען אויפֿגעהויבען, און די אונבעשטימטע, גלייכגילטיגע האַלטונג פֿון די וויענער קהל'ניקעס, וועלכע האָבען אויף זיך גענומען צונויפֿצורופֿען דעם קאָנגרעס, מוז מען מסכּים זיין, אַז דער עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס איז פֿון אָנפֿאַנג אָן אַריינגעפֿאַלען אין שוואַכע און אונפֿעהיגע הענד. און ווידער טאַקע זענען דערין שולדיג ניט די יחידים וועלכע האָבען

זיך מיט אזא התלהבות גענומען צו דער זאך, נאָר די ניט-אָרגאַני-זירטהייט פֿון אונזער דעמאָקראַטיע און דער אינדיפֿערענטיזם פֿון אונ-זער פֿילאַנטראָפּיע. דורך דיזע צוויי פֿאַקטאָרען ווערט געבילדעט א פוסטער רוים אַרום דער טעטיגקייט פֿון דעם וויענער קאָמיטעט, וואָס רופֿט צונויף דעם קאָנגרעס, און אין אַ געזעלשאַפֿטליכער פוסטקייט קען ניט אויסוואַקסען קיין ממשות'דיגע געזעלשאַפֿטליכע טהאַט. ווען אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אויף דער יודישער גאַס האַנד ביי האַנד מיט אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטען וואָלטען אפילו געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונג, וואָלטען זיי אויך אין בעסטען פֿאַל אפשר געקענט זיך דערשלאָגען צו אַ מעהר-ווייניגער דעמאָקראַטישער פֿערטרעטונג אויף'ן קאָנגרעס, דאָס וואָלט נאָך אָבער זיין זעהר וויים פֿון „דעמאָקראַטישער" אָדער לפּחות נאַציאָנאַלער עמיגראַ-ציאָנס-פּאָליטיק. איך האָב דאָ ניט קיין פּלאַץ זיך איינצולאָזען אין פֿערשיעדענע השערות מכח די מעגליכע רעזולטאַטען פֿון דער יעצטיגער אַגיטאַציע; קלאָר איז אָבער יעדענפֿאַלס, אַז כל זמן מיר האָבען צו טהון מיט דער גלייכגילטיגקייט פֿון אונזער גרויס-בורזשואַזיע צו די עמיגראַציאָנס-ענינים, העננט אָב דער גורל פֿון דער גאַנצער אונטערנעהמונג ניט פֿון די וואונשען פֿון אונזערע דעמאָקראַ-טישע שיכטען, נאָר פֿון די אינטערעסען פֿון אונזערע „פּני'": וועט זיי לוינען צו צולאָזען די דעמאָקראַטיע צו דער עמיגראַציאָנס-טעטיגקייט. וועלען זיי צונויפֿרופֿען אַווירקליכען קאָנגרעס; אַ ניט, איז בכלל נאָך אַ גרויסע קשיא, צי וועלען די וויענער אַסימילאַטאָרען נוטה זיין צו ברעכען זיך דעם קאָפּ איבער די עמיגראַציאָנס-ענינים.

דער פלאן פון א עמיגראציאָנס-באנק

אָבער די סטראַטעגען פֿון דעם עמיגראַציאָנס-פּובליציסטישען לאַגער האָבען אַ „פּלאַן", מיט וועלכען זיי מיינען גלענצענד דורכצופֿיהרען די גאַנצע קאַמפּאַניע; דאָס איז דער פּלאַן פֿון אַ עמיגראַציאָנס-באַנק, וועלכער וועט זיך געפֿינען אין די הענד פֿון פֿאָלק, ווי עס פֿערזיכערט אונז ה' בערטאָלדי מיט זיינע פֿריינד. ווי אַזוי קענען אָבער די פֿאָלקס-מאַסען בעקומען דעם צוטריט צו דעם באַנק? נאַניץ איינפֿאַך – דורך אקציעס: יעדער, ווער עס בעזיצט אַן'אקציע, האָט אַ שטיקעל דעה אין דער פֿיהרונג פֿון דעם פֿינאַנץ אינסטיטוט. דערביי פֿערשטעהן ניט אונזערע עמיגראַציאָנס-פֿינאַנסיסטען נור איין קלייניגקייט, — אַז אויב די יודי-שע גבירים און די צדקה-חברות וואָלטען שוין יאָ איינגעהען דערויף,

צו גרינדען אַזאַ מין אינסטיטוט אויף אַקציעס, וואָלטען זיי אויך זאָרגען וועגען דעם, אַז די מעהרהייט פון די אַקציעס זאָל זיין קאָנצענטרירט אין ווייטערע אייגענע הענד, און ניט ביי דעם פאָלק. מען דאַרף זיין צו שטאַרק נאַאיוו, כדי צו האָפען, אַז די בורזשואַזיע זאָל מסכים זיין צוצולאָזען די פאָלקס-מאַסען צו אַ ווירקליכען איינפלוס אויף איהרע פינאַנציעלע אָפּעראַציעס.

נאָר פון דער ריין פינאַנציעלער זייט בעשטעהט די זאַך נאָך ערגער. אַ באַנק איז בכלל מעגליך נור פאַר אַזוינע אונטערנעהמונגען, וועלכע פאָדערן פיעל גרונדקאַפּיטאַל, און עס האָט אין אַלגעמיין קיין זין ניט צו גרינדען אַ באַנק צוליעב אַזוינע פונקציעס, וועלכע וועלען פאָדערען הויפּטזעכליך צירקולירענדעס קאַפּיטאַל. דאָרט, וואו נעלד געהט אַוועק יעדע מינוט און קעהרט זיך ניט אום דורך דיזועלבע אָפּעראַציעס, נאָר מוז שטענדיג צופליסען פון אַלץ נייע און נייע קוועלען און מוז פערשטעקען אַלץ נייע און נייע לעכער, דאָרט קען מען בכלל ניט רעדען וועגען אַ „באַנק" אָדער וועגען „אַקציעס". לאָמיר זיך אָבער צוקוקען, אין וואָס וועט בעשטעהען די טעטיגקייט פון בערטאָלדי'ס „עמיגראַציאָנס-באַנק". מיר האָבען שוין אויבען בקיצור אויסגעצעהלט זיינע פונקציעס, און פון יענעם איבערבליק (קאַפּ. I) איז אַרויסצונעהמען, אַז דער דאָזיגער פינאַנץ-אינסטיטוט וועט ניט קענען אויסהאַלטען קיין דויערנדע אונטערנעהמונגען מיט אַ געוויסען גרונד-קאַפּיטאַל, ער וועט נור בעזאָרגען לויפענדע נויטען פון שטענדיג פליסענדען מענשען-מאַטעריאַל. די עמיגראַציע איז אַ שטראָם, דאָס געלד פון די עמיגראַנטען איז אַ געלד-שטראָם, און פון אַ געלד שטראָם קען מען בשום אופן ניט אויסמאַכען קיין „פיקסען", פעסטען, גרונד-קאַפּיטאַל. אין דעם דאָזיגען פינאַנץ-אינסטיטוט מוז דאָס געלד פערוועגדעט ווערען דער עיקר אויף קורץ דויערנדע, שנעל זיך פערווירקליכענדע אָפּעראַציעס, פון וועלכע יעדע איינצעלנע קען זיך ניט שטעלען ווייטע אויסזיכטען און צוועקען, סיידען מיר זאָלען רעכענען, אַז אונזער „באַנק" וועט בויען אייגענע עמיגראַנטען-היימען, אייגענע ווערקשטאַטען און אייגענע שיפען.. אפשר מיינט טאַקי בערטאָלדי אַזאַ מין באַנק; צום אומגליק אָבער פערמאָגען אונזערע בעל צדקות ניט אַזאַ דרייסטע „שעפּפערישע" פאַנטאַזיע.

וועט אונזער פינאַנץ אינסטיטוט נעהמען אויף זיך די קאָמיסיע

צו פֿערמיטלען דעם פֿערקויף פֿון שיפֿס-קארטען, וועט ער עקספּע-דירען באַגאַזש, איבערשיקען געלד, פֿערסטראכירען די אויסוואַנדערער אויפֿ׳ן פֿאַל פֿון צוריקגעשיקט ווערען, וועט ער צאָהלען די עמיגראַציאָנס-אינספּעקטאָרען און אויסהאַלטען פֿערשידענע ביוראָ׳ס, הויפּטזעכליך צוליעב אינפֿאָרמאַציע, — דאָס אַלץ איז פֿליסענדעס, צירקולירענדעס קאַפּיטאַל, צו דעם זענען ניט נויטיג אַקציעס, און אויף דעם קען ניט געבויט ווערען אַ באַנק. אַן׳עמיגראַציאָנס-באַנק, אַ באַנק, וואָס זיין הויפּט-אויפֿגאַבע זאָל זיין צו בעדינען אַזאַ פֿליסענדען און וואַנדערענדען מאַטעריאַל — דאָס איז גלאַט אַ אונמעגליכע זאַך.

אַזאַ מין פֿינאַנץ-אינסטיטוט קען מען זיך פֿאָרשטעלען, אויב מיר ווילען בלייבען אויפֿ׳ן גרונד פֿון ניכטערע רעעלע בעטראַכטונגען, אין צוויי אופנים: אָדער ער וועט זיין גאַנץ זעלבסטשטענדיג, דאַמאָלס איז עס ניט קיין באַנק, נאָר אַ מין עמיגראַנטען-קאַסע פֿאַר קרעדיט און פֿערזיכערונג אין גרויסען מאַסשטאַב, אָדער דער אינסטיטוט זאָל זיין נור אַן׳אָבטהיילונג פֿון אַן׳אַנדער פֿינאַנציעלער אונטערנעהמונג, וועלכע האָט פֿיעל בריטערע צוועקען, ווי בעזאָרגען עמיגראַנטען, נאָר בעשעפֿטיגט זיך אגב אויך מיט וואַנדערונגס-ענינים. אין דעם צווייטען פֿאַל קען דאָס זיין אַן׳אָבטהיילונג פֿון אַ באַנק, אָבער דאָך ניט קיין באַנק פֿאַר זיך; און חוץ דעם, טאַקי נור אַ קליינע, ווייניג וואָס בעדייטענדע אָבטהיילונג אין דעם בריטען סכום פֿון די באַנק-פֿונקציעס. לאָמיר זיך פֿאָרט צוערשט אָבשטעלען אויף דעם דאָזיגען צווייטען פֿאַל. כדי איהם צו פֿערווירקליכען, ברויכען מיר לכתחילה בעזיצען וועלכען ניט איז נאַציאָנאַלען באַנק; אַזעלכען אָבער האָבען מיר ניט, סיידען מיר זאָלען מיינען, אַז דער ציוניסטישער קאָלאָני-זאַציאָנס-באַנק וועט מעגען, וועט קענען און ווילען נעהמען אויף זיך אויך די רעגולירונג פֿון דער גרויסער יודישער וואַנדערונג אויסער-האַלב פּלשתינא מיט איהרע שבנ׳יישע לענדער. בלייבט אונז נור צו גרינדען גאָר אַ נייע נאַציאָנאַלע באַנק, וועלכע זאָל זיך אויך אגב בעשעפֿטיגען מיט עמיגראַציאָנס-ענינים, אַנ׳ערך נאָך אין אַ בריטערער מאָס, ווי דאָס טהוט יעצט דער טשעכישער נאַציאָנאַלער באַנק „באָהעמיא". איך פֿערשפּאָר אָנצוווייזען, אַז אויפֿ׳ן סמך פֿון די עמיגראַציאָנס-אינטערעסען אַליין איז דאָס יודישע פֿאָלק נאָר ניט מסוגל צו דע־ריזיגער קרעפֿטען-אָנשטרענגונג, וואָס פֿאָדערט זיך, כדי צו שאַפֿען אַ

נאַציאָנאַלען באַנק; און אויב עס איז אפילו יאָ מעגליך, מיר זאָלען מיט דער צייט בעזיצען אַזאַ באַנק, אַזוי ווי דאָס געפינען מיר ביי די פוילען און טשעכען, דאָך בלייבט אונז נאָך אַ היבשער מהלך ביז צו יענער צייט.

אַ יודיש נאַציאָנאַלע עמיגראַנטען-קאַסע.

מיר. הייסט דאָס, דערווייל ביי אַ פערבלייבען מיין נאַציאָנאַלער עמיגראַנטען-קאַסע: דאָס איז דער מאַקסימום, פון וועלכען מען מעג שמועסען לע"ע. איך חזר'איבער און בעטאָן, אַז דאָס איז דער מאַקסימום. אַזאַ מין קאַסע עקזיסטירט אין איטאַליען, וואו די רעגירונג נעהמט פון יעדען עמיגראַנט אַ געוויסע קליינע שטייער (אַנ'ערך $1^1/_2$ רובעל), כדי אויסצוהאַלטען די עמיגראַציאָנס-אינספעקציע א. ד. גל. ווען די יודישע עמיגראַציאָנס-אָרגאַניזאַציע זאָל זיך אַוועקשטעלען אויף שטאַרקע פיס און ערוועבען צוטרוי ביי די מאַסען, וואָלט זי אויך קענען אַוועקלעגען אויף די עמיגראַנטען אַ געוויסע שטייער צו דעקען איהרע הוצאות. דיעזע שטייער קען נאַטירליך גענומען ווערען נור פון עמיגראַנטען אין ענגסטען זין פון וואָרט, ד. ה. פון „פאַסאַזשירען"; חוץ דעם קענען נאָך די אינדירעקט פעראינטערעסירטע פאָלקס-שיכטען אויך בייטראָגען צו דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע זייערע מיטגליעדס-שטייערן, און דאָס וואָלט געוויס זיין אַ וועג צו דעמאָקראַטיזירען די טעטיגקייט פון דער רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע. אויף אַזוי פיעל זענען גערעכט ה' בערטאָלדי, ה' דאַווידאָביטש און אַנדערע. וועלכע פערנעהמען זיך מיט דעם פלאַן פון אַן'עמיגראַציאָנעם פינאַנץ-אינסטיטוט, און אין דעם בעשטעהט טאַקי, גאַנץ אונאַבהענגיג פון זייערע אוטאָפּיסטיש איבערטריבענע האָפנונגען, זייער צווייטער גרויסער פערדינסט אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגע.

זייערע האָפנונגען זענען אָבער איבערטריבען, אויף וויפיעל זיי ווילען זיך ניט רעכענען מיט די שוועריגקייטען פון דעם פלאַן. די דעמאָקראַטיע, אלס אַזעלכע, איז ניט אימשטאַנד צו גרינדען אַזאַ קאַסע, און נור די יודישע קאַפּיטאַליסטען מיט זייערע „רייכע מומעס" קענען נעהמען אויף זיך דורכצופיהרען די זאַך אין לעבען: וויל גלייך מיט אַ מאָל קען ניט אַ נייע פינאַנציעלע איינריכטונג אַזוי שטאַרק צוציהען צו זיך די סימפּאַטיעס פון אונזערע אָרימע פאָלקס-מאַסען, אַז זיי זאָלען פעהיג זיין קומען מיט צאַהלרייכע מיטגליעדס-בייטראַגען

א. ד. גל. לכתחילה וועט דער נײַער פֿינאַנץ-אינסטיטוט נאָך האָבען נאָר וועניג מיטגליעדער און פֿערמאָגען נאָר קלײנע קאַפּיטאַלען, און וועט אונבעדינגט מוזען אָנקומען צו דער הילף פֿון די גראָבע קעשענעס. מען דאַרף דאָבײַ אָבער אויך געדענקען דעם אונטערשיעד צווישען קאַפּיטאַליסטיש-סוחר׳ישער און שווינדלעריש-רויבערישער עקספּלואַטאַציע: די עמיגראַנטען וועלען פֿון די פֿערשידענע פּריוואַטע קאָנטאָרען און אַגענטען אײַגענטליך ניט עקספּלואַטירט, נאָר פּשוט בערויבט און בעשווינדעלט, און אויב מיר זאָלען בעווײַזען אײַנגאַנצען צו בעזייטיגען דיזע אַגענטען מיט זייערע שווינדלען, וואָלט דערמיט אויך בעזייטיגט געוואָרען אַ גרויסער טײל ריוח פֿון זייערע מאַכינאַציעס די אַגענטען בעדינען ניט ווי נעהעריג די גוטען פֿון די וואַנדערער, אַלזאָ, האָבען זיי בײַ זייער „אַרבײַט" גאַנץ וועניג הוצאות און זיי קוועטשען אויס דורך כל׳ערלײַ שווינדעל אַ אונגעהויערען פּראָפּיט; די רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע, צי זי זאָל זײַן ריין-פֿילאַנטראָפּיש, צי נאַציאָנאַל, מוז, פֿאַרקעהרט, האָבען גרויסע הוצאות, ווײַל זי וועט שטרעבען ווירקליך צו בעפֿרידיגען די עמיגראַנטען-נויטען, און אין דערזועלבער צײַט מוז זי אויך שטרעבען וואָס וועניגער צו עקספּלואַטירען דעם עמיגראַנט, וואָס בילינער געבען איהם איהרע דיענסטען. אין טאָמער וועט דער פֿינאַנץ-אינסטיטוט דערלעגען צו זײַנע אָפּעראַציעס, און ער וועט זיך אַלײַן ניט קענען אויסהאַלטען: די דעפֿיציטען מוזען שטענדיג געדעקט ווערען פֿון זייטיגע קוועלען. איז דערפֿון נעדרונגען, אַז די ישליטה איבער דאָס געלד און איבער די פֿונקציעס פֿון אונזער נאַציאָנאַלער עמיגראַנטען-קאַסע וועט דאָך פֿערבלײַבען בײַ אונזערע „רײַכע מומעס", וועלכע וועלען זי ניט נור גרינדען, נאָר אויך שפּעטער אונטערשטיצען.

* * *

איך רעזומיר: עס איז נאָך ניט נעקומען די צײַט פֿאַר אַ ברײַטער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע צו רעגולירען די יודישע וואַנדערונג, נאָך ניט געקומען די צײַט צו פֿעראײַניגען די מעלות פֿון דער דעמאָקראַטיע מיט די מעלות פֿון דער פֿילאַנטראָפּיע, ווײַל ניט רײַף זענען נאָך ביידע מיט זייערע קרעפֿטען. איך האָב געשטרעבט קלאָר צו מאַכען דעם אונטערשיד פֿון דעם ריין פֿילאַנטראָפּישען שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז וואָס גיכער אײַלען צו הילף די אומגליקליכע עמיגראַנטען,

און דעם ריין־נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף שאַפֿען אַ רעגולירונגס-אָרגאַניזאַציע אויף אַ ברייטען געזעלשאַפֿטליכען יסוד. לע״ע זענען זיך נאָך ביידע שטאַנדפּונקטען שטאַרק סותר איינער דעם צווייטען, ווייל, כּל־זמן אונזער דעמאָקראַטיע איז דעזאָרגאַניזירט און די פֿילאַנטראָפּיע גלייכגילטיג, קען נישט ענטשטעהן אַ נאַציאָ-נאַלע אָרגאַניזאַציע, און מען מוז זיך בעגניגען מיט דעם, וואָס אונ־זערע וואַנדערער זאָלען בעקומען וואו־נישט-וואו וואָסערע ס׳איז הילף. איך האָב געשטרעבט קאַלטבלוטיג צו אַנאַליזירען די טענדענ-צען פֿון דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג; און פֿון מיין אַנאַליז איז אַרויסצונעהמען, אַז מיט דער צייט וועט זיך די דאָזיגע סתירה בּיס-לעכווייז אויף אַזוי פֿיעל אויסגלייכען. אַז ביידע שטאַנדפּונקטען וועלען זיך געגענזייטיג ערגענצען און עס וועט מעגליך ווערען אַ פּראָקטבאַרע קאָאָרדינירונג פֿון אַלע יודישע געזעלשאַפֿטליכע קרעפֿטען.

אָט דאָס איז דער טעאָרעטישער סך-הכל פֿון מיין בּראָשור.

אין וואָס בעשטעהט אָבער איהר פּראַקטישער פּועל־יוצא?

דאָ טאָר מען אויך נישט פֿערוועקסלען דעם פֿילאַנטראָפּישען שטאַנדפּונקט מיט דעם נאַציאָנאַלען, ווי דאָס טהוט, למשל, העָרר בערטאָלדי, וועלכער שמועסט איין דעם עולם, אַז דער עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס וועט ברענגען אַ ישועה אונזער עמיגראַנטען־מאַסע, און אַ אונענדליכע ברכה אונזער דעמאָקראַטיע. דאַרפֿען מיר אינגאַנצען פֿערוואַרפֿען דעם שטאַנדפּונקט פֿון ריינעם רחמנות? דאַרפֿען מיר געלאַסען צוקוקען די ליידען פֿון די וואַנדערנדע ברידער, וואָס דיזע ליידען קענען נישט הייגט־מאָרגען ווערען אויך די ליידען פֿון יעדען איינצעלנעם פֿון אונז? דאַרפֿען מיר רוהיג וואַרטען, ביז ס׳וועט קומען אַ גינסטיגערע צייט, ביז די דעמאָקראַטיע וועט זיין אָרגאַניזירט און די גרויס-בּורזשואַזיע מעהר נאַציאָנאַליזירט? נאַטירליך, ניין. דער מחבר פֿון דיזער בּראָשור איז גאָר נישט קיין געגנער פֿון דעם געפּלאַנטען עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס: אדרבה, ער בעגריסט דיזע אונטערנעהמונג, ווייל אזאַ קאָנגרעס איז דאָס בעסטע מיטעל עפּעס יאָ צו מאַכען צוליעב דער יודישער עמיגראַציע. איך בין אַ געגנער נישט פֿון דעם קאָנגרעס, נאָר פֿון די אומגעלומפּערטע דרשות. מיין כּונה איז גישט מעהר, ווי אָבצוקיהלען די האָפֿנונגען, כּדי צו פֿערהיטען פֿאַר גרויסע און שעדליכע ענטטוישונגען.

פון דעם דעמאקראטישען שטאנדפונקט אבער איז די זאך ניט אזוי איינפאך. איך בין א ענטשידענער געגנער פון יענעם פילאנטראפיש-פעסימיסטישען קוק, וועלכער לייקענט יעדע פאלקס-בעוועגונג אויף'ן פעלד פון עמיגראציאנס-פאליטיק (וו. מעדעם, א. ליטוואק און וויערע פריינד). אבער מיר האבען פאר זיך נור איין איינציגען וועג פאר אזא פאלקס-בעוועגונג: און דאס איז דער וועג פון ארגאניזירען די דעמאקראטיע. און ארום דעם עמיגראציאנס-קאנגרעס, אלס א זעלכען לאזט זיך דערווייל די יודישע דעמאקראטיע גישט ארגאניזירען. מחמת דער דיפלאמאטישער פערשוויינונגס-טאקטיק פון די איניציאטארען פון קאנגרעס, קען מען בכלל נאך גאר נישט וויסען, אויף וועלכער וועלט ער איז, און צו וועט ער ווירקליך צונויפגערופען ווערען. אויב אבער יא, — און דאס וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט פאר די עמיגראנטען — אזוי וועט ער לכתחילה נעבען גור א קליינעם שטויס דער דעמאקראטיע צו ארגאניזירען זיך ארום דער עמיגראציאנס-ארבייט. יעדענפאלס וועט דער עמיגראציאנס-קאנגרעס העלפען צו ארגאניזירען זיך אויך דער פילאנטראפיע, און די לעצטע וועט דורך דעם מעהר געווינען ווי די דעמאקראטיע.

איך בין אויך אויסען געווען אנצואווייזען אויף די גרויסע סכנות פון דעם דיפלאמאטישען וועג, מיט וועלכען עס געהן אציגד איינינע יחידים, וואס געהערען אליין צו דעם דעמאקראטישען לאגער און פערשטעהן אבער נישט די ווירקליכע אינטערעסען פון דער דעמאקראטיע. דיזע עמיגראציאנס-פובליציסטען בעמיהען זיך צו געווינען דאס פערטרויען פון די פאלקס-מאסען פאר עטליכע וויענער „פני", וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דעם עמיגראציאנס-קאנגרעס צו שאפען א פאלקס-מאנדאט פאר די וויענער קהל'ניקעס. א דאנק דער דיפלאמאטישען פערשוויגען פון דעם אמת דורך די „דעמאקראטישע" עמיגראציאנס-פובליציסטען, בעקומען די מאסען אין רוסלאנד ז אמעריקא א צו גרויסען און געפעהרליכען צוטרוי צו די אומרייניגע ז וויט נישט פאלקספריינדליכע מערב-אייראפעאישע מאגנאטען.

* * *

צולעצט א פאר ווערטער pro domo mea, פאר מיינע איי-גענע, פאר דער משפחה, צו וועלכער איך נעהער.

ווענען דער יודישער עמיגראציאנס-פאליטיק איז פאר די לעצטע

צווייִ יאָהר אויסגעוואַקסען אזאַ גרויסע ליטעראַטור, וואָס מיט די געשריבענע בלעטער וואָלט מען געוויס געקענט אויסשפּרייטען דעם גאַנצען וועג פון קיעוו ביז נאַלוועסטאָן... און מיט מיין בראָשור בין איך גאָר נישט אויסען צו העלפען נאָך לענגער מאַכען דעם דאָזיגען פּאַס פּאַפּיער און דערפיהרען איהם אַוש ביז אויסטראַליען... ניין. אַזוי ווי די יודישע פּרעסע האָט זיך געלאָזט פערפיהרען און זוכט צו פערבאָרגען דעם אמת מכח די געזעלשאַפטליכע קרייזען, וועלכע גרופּירען זיך אַרום דעם געפּלאַנטען עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס, — געפין איך פאַר נויטיג צו וואָרענען, מען זאָל נישט איבערטרייבען די אויסזיכטען פון דער עמיגראַציאָנס-רעגולירונג און נישט אַריינגאַרען דאָס פאָלק אין דער נעץ פון די אַסימילאַטאָריש-פילאַנטראָפּישע טרייבערייען.

מיר ווילען אלע, אַז דער עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס זאָל זיך וואָס גיכער צונויפקומען. אָבער מיר ווילען אויך אַלע, מען זאָל אונז נישט בלענדען די אויגען.

דעריבער מוזען מיר זיך שאַרף צוקוקען און צוהערען צו דעם וואָס ס'וועט איצט געטהון. מיר מוזען זעהן, ווי ווייט מעגליך, אויס צו נוצען די אַגיטאַציע פאַר דעם עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס, פערשטאַרקען די דעמאָקראַטישע פערטרעטונג אויף דעם קאָנגרעס, פערגרעסערן אונזער איינפלוס אויף זיין אַרבייט. און בשעת איינינע דיפּלאָמאַטישע יהודים זוכען דורך פּשרות און פערשווייגונג צו פעראינטערעסירען די יודישע פילאַנטראָפּיע, מוזען מיר אַנשטרענגען אַלע קרעפטען, כדי אָפּען צו אָרגאַניזירען די יודישע דעמאָקראַטיע. נור דורך דעם וועט פערשווינדען די געזעלשאַפטליכע פּוסטקייט, וועלכע רינגעלט אַרום דעם עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס מיט זיינע איניציאַטאָרען, און נור אויף אַזאַ אופן וועט געעפענט ווערען אַ נייע שיטה אין אונזער עמיגראַ-יאָנס-פּאָליטיק.

סוף.